STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10947

SINDIKALIZM UN REVOLUTSYON

M. Fiera

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ארבייטער פריינד".

סינדיקאליזם און רעוואלוציאן.

פון

מ. פיערא.

איבערזעצט פון ר. ראקער.

לאנדאן, 1909.

„ארבייטער פריינד" דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז די עמאַנציפּאַציאָן פֿון די אַרבייטער און די בעפֿרייאונג פֿון דער מענשהייט קענען נור דערגרייכט ווערן דורך אַ פֿאָלשטענדיגען איבער־בייט פֿון דעם איצטיגען געזעלשאַפֿטליכען סיסטעם, און אַז די איינציגע מעגליכקייט פֿאַר די פֿערווירקליכונג פֿון דיזען איבערבייט איז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

מען האָט זיך שוין אָפֿטמאָל אויסגעלאַכט פֿון דער האָפֿנונג אויף דער רעוואָלוציאָן, אָקוראַט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אום אַ משיח, וועלכער זאָל בעפֿרייען די מענשהייט. עס פֿערשטעהט זיך, אַז די בעפֿרייאונג מוז קומען פֿון די מענשען גופא, אַז די רעוואָלוציאָן איז ניט מעהר ווי דער געמיינשאַפֿטליכער אויסדרוק פֿון אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אַקטען, וועלכע וועלען זיך איבעראַל מאַניפֿעסטירען געגען דער לוין־שקלאַפֿעריי און דער געזעצליכער אויטאָריטעט, אום צו פֿערניכטען די עקזיסטענץ פֿון׳ם קאַפּיטאַליסטישען רעזשים.

עס שיינט, אַז די אַרבייטער, ד. ה. די יעניגע, וואָס ליידען דירעקט פֿון דעם עקזיסטירענדען עקאָנאָמישען סיסטעם, קענען צו יעדער צייט אַרויסרופֿען די רעוואָלוציאָן, אויב זיי האַבען נור דעם ווילען עס צו טהאָן.

וואָס זיינען אַלזאָ די אורזאַכען, וועלכע קענען ענטשיידען דעם אויסברעכען פֿון דער רעוואָלוציאָן?

די עלעמענטען פון רעוואלט.

רעוואָלוציאָנערע אונצופרידענהייט, דער קאמפף געגען די בעשטעהענדע אָרדנונג זיינען די דירעקטע רעזולטאַטען פון די ליידען. נאָר עס איז נויטווענדיג צו מאַכען אַ בעשטימטען גרענעץ אין דיזער בעציהונג; ווייל אַ צו לאַנגעס עלענד ענטמוטהיגט מייסטענטהיילס די מאַסען, עס פערניכטעט ביסלעכווייז יעדע מענשליכע ווירדע און שאַפט אַן אַלגעמיינע דעמאָראַליזירונג. דאָס עלענד בעגינסטיגט דעם אַלקאָהאָליזם און פיהרט זעהר אָפט צו דער פאָלשטענדיגער דעגענעראַציאָן פון'ם מענשען. די בעטלערס זיינען אַ טרויעריגער בעווייז פון דעם דאָזיגען מורא'דיגען צושטאַנד.

אָבער מיינט דאָס אפשר, אַז די פערבעסערונג פון די לעבענס-בעדינגונגען רופט אַרויס און ענטוויקעלט דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פון די מאַסען? אויך דאָס וואָלט געווען זעהר אַ פאַלשע בעהויפטונג, דען מיר זעהען ליידער זעהר אָפט, אַז געוויסע אַרבייטער אָדער געוויסע קאַטעגאָריעס פון אַרבייטער, וועלכע לעבען אונטער בעסערע בעדינגונגען פון זייערע איבעריגע אַרבייטס-קאַמעראַדען, בעווייזען אָפטמאָל זעהר אַ קליינליכען עגאָאיזם און שליסען זיך אָב פון אַלע אַנדערע. דער גאַנצער אידעאַל פון דעם בעסער געשטעלטען אַרבייטער בעשטעהט אָפטמאָל נור אין דעם צו פערהינדערן יעדע פרעמדע קאָנקורענץ דורך בעשטימטע מאַסרעגלען געגען ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער און עס טרעפט זאָגאַר, אַז זיי פעראייניגען זיך צו דיזען צוועק מיט זייערע עקספלואַטאַטאָרס, אָדער זיי בעשריינקען די צאָהל פון די יוניאָן-מיטגליעדער דורך אויסערגעוועהנליך שווערע איינטריטס-בעדינגונגען ווי אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון נאָרד-אַמעריקאַ, אָדער זיי פאָדערן פון דער רעגירונג שטרייגנגע איינוואַנדע-רונגס-

געזעצע געגען אויסלענדישע אַרבייטער, ווי. עס איז דער פֿאַל אין אויסטראַליען און ניו זילאַנד א.ז.וו.

דער רעלאַטיווער וואָהלשטאַנד פֿון געוויסע פּריווילעגירטע אַרבייטער איז אַלזאָ נאָך קיין בעווייז ניט פֿאַר זייער סאָלידאַריטעט, זייער רעוואָלוציאָנערען גייסט אָדער זייער רעוואָלוציאָנערען אידעאַליזם. אַזעלכע אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אונטער אויסערגעוועהנליך גינסטיגע בעדינגונגען און פֿערדינען גוט, חלום׳ן מייסטענטהיילס ניט פֿון אַ געזעלשאַפֿטליכען איבערבייט; זיי זוכען צו פֿערזיכערן זייער גוטע לאַגע, בעלאַנגענדיג צו קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָנען און אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפֿטען און בעשרייענקענדיג די צאָהל פֿון זייערע קינדער.*) איך בין דער לעצטער, זיי צו מאַכען אַ פֿאָרוואורף פֿאַר דעם, איך וויים זעהר גוט, אַז יעדער איינציגער האָט דעם וואונש צו פֿערבעסערן זיין לאַגע, אָבער נור מיט דער בעדינגונג, אַז ער טהוט עס ניט אויף די קאָסטען פֿון אַנדערע אַרבייטער און אַז דיזע לוין־אַרבייטער זאָלען ניט אויסבייטען די אַרבייט פֿון אַנדערע לוין־אַרבייטער, וועלכע זיינען בעשעפֿטיגט אין זייערע קאָאָפּעראַטיווע גענאָסענשאַפֿטען, ווי מיר זעהען עס לײדער זעהר אָפֿט. אַזעלכע מענשען זעצען זייער גאַנצע האָפֿנונג מייסטענטהיילס אויף רעפֿאָרמען און פֿאָדערן דעם שוץ פֿון דער עפֿענטליכער מאַכט. זייער גאַנצע אויפֿגאַבע בעשטעהט אין דעם זיך צוצופּאַסען צו די אומשטענדען און צו לעבען וואָס בעקוועמער און צופֿרידענער.

עס איז אַלזאָ ניט געדרונגען, אַז בעסערע לעבענס־בעדינגונגען אָדער שטענדיגעס עלענד מוזען אונבעדינגט

---

*) דער פּראָפֿעסאָר מיינט דאָ, פֿערשטעהט זיך, ניט צו אַטאַקירען דעם פּרינציפּ פֿון קאָאָפּעראַציאָן, זאָנדערן נור אַזעלכע „קאָאָפּעראַציאָנען", וועלכע גרינדען זיך אויף אַ ריין קאַפּיטאַליסטישען פֿונדאַמענט. (דער איבערזעצער.)

פֿיהרען צו רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און האַנדלונגען. ניין, צו דעם איז פֿריהער נייטיג, אַז דער איינער אָקוראַט ווי דער אַנדערער, ד.ה. דער פּריווילעגירטער אָקוראַט ווי דער עלענדער זאָלען האָבען דעם בעוואוסטזיין פֿון זייערע ליידען, זיי מוזען פֿריהער פֿיהלען די גאַנצע אונערטרעג־ליכקייט פֿון זייערע ליידען, איידער דער רעוואָלוציאָנערער גייסט קען זיך ביי זיי ענטוויקלען.

אַ מענש קומט דאַמאָלסט צום בעוואוסטזיין פֿון זיינע ליידען, ווען ער זעהט, אַז זיין לאַגע ווערט ערגער און ערגער אָדער ווען ער בעמערקט, אַז זיינע אַלגעמיינע לע־בענס־בעדינגונגען ווערען וואָס ווייטער אַלץ אונגינסטיגער. ווען איך רייד דאָ פֿון עלענד און וואָהלזיין, מיין איך עס אין דעם ברייטסטען זינן, ד.ה. אין עקאָנאָמישער און אויך אין מאָראַלישער בעציהונג. וואָס גרויזאַמער און ברוטאַלער עס מאַניפֿעסטירט זיך דער אונטערשיעד צווישען וואָהלזיין און עלענד, אַלץ שטאַרקער וועט דער מענש איהם פֿיהלען, אַלץ מעהר וועט ער ווירקען אויף איהם.

באַלד אין אָנפֿאַנג וועט די ווירקונג זיין אַ זעהר שטאַרקע, ערשט שפּעטער, ווען עס איז אַריבער אַ לענגערע צייט, וועט זי ביסלעכווייז ווערען שוואַכער און שוואַכער. אין דער ווירקליכקייט האַנדעלט עס זיך דאָ אום אַן אַל־געמיינעם געזעץ, וועלכעס מאַניפֿעסטירט זיך ביי אַלע ביאָלאָגישע ערשיינונגען. צוערשט איז די געגענווירקונג זעהר שטאַרק, די אויפֿגערעגטקייט אַ גרויסע, אָבער מיט דער צייט פֿערלירט זי איהר אורשפּרינגליכע קראַפֿט; ד. ה. די אונצופֿרידענהייט בלייבט, אָבער איהר אויסדרוק איז מעהר ניט אַזוי ענערגיש ווי ער איז געווען אין אָנפֿאַנג. דער שמערץ גופא פֿערלירט זיין קראַפֿט, ווען עס האַנדעלט זיך אום מאָראַלישע ליידען אָדער מאַטעריעלע נויט.

ווען עס איז שוין אַריבער דער ערשטער מאָמענט, געוועהנט זיך דער מענש ביסלעכווייז צו צו דער נייער לאַגע; ער אָנערקענט איהר. אויב עס האַנדעלט זיך אום

אַ בעשרייַנקונג פֿון זיין מאַטעריעלען וואָהלזיין, וועט ער בעשרייַנקען זיינע בעדערפֿענישען. כדי זיך צו בערוהיגען און איינצושטילען זיינע מאָראַלישע ליידען וועט ער אַליין אויסגעפֿינען אָ״ער אָנערקענען געוויסע אורזאַכען, וועלכע ערקלעהרען איהם, וואַרום זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז פּלוצלינג געוואָ״ען ערגער. ערשט ווען עס מאַכט זיך איהם אַ נייער שמע״ץ אָדער ווען די פּראָפּאַגאַנדאַ וועקט אויף זיינע גייסטיגע פֿעהיגקייטען, ער״שט דאַן וועט זיך דער מענש ווידער אויפֿכאַפּען פֿון זיין גלייכגילטיגקייט.

אָבער כדי די ליידען זאָלען אַרויסרופֿען ביי אַ מענשען רעוואָלוציאָנערע געפֿיהלען און געדאַנקען, מוזען זיי פֿער־וואַנדלען זיין גערעכטיגקייטס-געפֿיהל. אויב דאָס איז ניט דער פֿאַל, וועלען זיי מעהר ניט אַרויסרופֿען ווי אַ פּאָר טרערען און זיפֿצען און עטליכע שמערצליכע ווערטער.

אָבער ווען דעם מענשען׳ס גערעכטיגקייטס-געפֿיהל פֿיהלט זיך בעליידיגט, ווען ער זעהט די אורזאַכע פֿון זיינע ליידען אין בעשטימטע פּערזאָנען, וועלכע זיינען פֿעראַנט-וואָרטליך, אָדער וועלכע ער האַלט פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר זיין אונגליק, ערשט דאַן ענטוויקלען זיך ביי איהם די געפֿיהלען פֿון האַס און צאָרן, וועלכע קענען אַרויס־ופֿען רעוואָלוציאָנערע אַקטען.

אָבער זאָגאַר דאַן קען זיך פֿון אַלעם אויסלאָזען אַ בוידים, צוליעב פֿערשיעדענע אורזאַכען: צ.ב.ש. ווען דער בעליידיגטער איז אונוויסענד און ווייסט ניט אויף וועמען ער זאָל אויסגיסען זיין האַס, אָדער ווען ער האָט מורא און פֿיהלט אַז ער איז אונמעכטיג עפּעס צו טהאָן געגען די פֿעראורזאַכער פֿון זיינע ליידען. און אויסער די דאָזיגע פֿאַקטאָרען, וועלכע קענען פֿערהינדערן דעם אויסברוך פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַקציאָן, ווי צ. ב. ש. די אונוויסענ־הייט, די פֿאָראורטהיילען פֿון דער ערציהונג א.ז.וו. דאַרפֿען מיר זיך אויך נאָך רעכענען מיט יענע געפֿיהלען און איי־גענשאַפֿטען, וועלכע זיינען גע׳ירש׳ט געוואָרען שוין פֿון דור-

דורות און וועלכע האָבען ענטוויקעלט ביי אונז די פּאַסיוויטעט און רעזיגנאַציאָן.

די רעליגיאָן איז שטענדיג געווען דער בעסטער מיטעל איינצושטילען די אונצופרידענהייט פון די מאַסען און צו בערוהיגען זייערע רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטען. זי לערנט דעם מענשען, אַז עס גיט ניט קיין אונגערעכטיגקייט, אַז אַלצדינג איז דער אויסדרוק פון גאָט׳ס ווילען, אַז אַלע ליידען און שמערצען, וועלכע דער מענש האָט אויסצושטעהן, זיינען ניט מעהר ווי אַ מיטעל פון דעם אויבערשטען אויסצופּרובירען זיינע קינדער, כדי ער זאָל זיי קענען שפּעטער בעגליקען מיט אַ יענער וועלט, מיט אַ הימלישען גן עדן נאָך׳ן טויט. דער רעוואָלוציאָנערער פּראָטעסט פון׳ם מענשען איז אַ זינדיגע האַנדלונג, אַ פערברעכען געגען גאָט. די רעליגיאָן לערנט דעם מענשען צו זיין געהאָרכזאַם און צופרידען מיט זיין שיקזאַל. עס וועלען שטענדיג זיין רייכע און אָרעמע אויף דער וועלט און דער קבצן האָט זאָגאַר די פליכט צו דאַנקען די רייכע פאַר זייער וואָהלטהעטיגקייט און הילף. אַזוי לערנט אונז די רעליגיאָן.

די אָפיציעלע ערציהונג, איבערהויבט אין די פאָלקס-שולען, אונטערשטיצט און ענטוויקעלט די רעליגיעזע אַנשויאונגען מיט אַלע מעגליכקייטען. אין די עלעמענטאַרשולען לערנט מען די קינדער די אָפיציעלע און אַבסאָלוטע מאָראַל אין דער פאָרמע פון אַלטע פאָראורטהיילען און פערשימעלטע טראַדיציאָנען און געוואוינהייטען, אַז עס איז כמעט אונמעגליך, זיי זאָלען זיך שפּעטער דערפון קענען בעפרייען. דיזע גאַנצע מאָראַל בעשטעהט אין דעם גלויבען אין די אונפערמיידליכקייט פון די איצטיגע עקאָנאָמישע אומשטענדען, אין די נויטווענדיגקייט פון דער היינטיגער געזעלשאַפטליכער און שטאַאטליכער אָרדנונג, אין די אַבסאָלוטע, פון אייביג אָן בעשטימטע פליכטען פון דעם מענשען געגען דער געזעלשאַפט, דער רעגירונג (אָנערקענען די געזעצע, צאָהלען אָבגאַבען, דיענען דעם קייזער

אָדער דער רעפובליק), און די רייכע א.ז.וו. מען לערנט די קינדער, אַז רייכטהום איז אַ רעזולטאַט פון אַרבייט און אויסרעכנונג; אַז ער ערפילט זאָגאַר אַ נויטווענדיגע סאָציאַלע פונקציאָן דורך גוטסקייט און וואָהלטהעטיגקייט. עס איז אַן אמת׳ער גליק פאַר די אַרבייטער, וואָס די רייכע עקזיסטירען, אום זיי צו געבען אַרבייט, כדי זיי זאָלען קענען פערדינען זייער לעבען. דאָס אמת׳ע גליק בעשטעהט אין דעם: צו זיין צופרידען מיט׳ן שיקזאַל און צו בענוגענען זיך מיט דעם וועניגען, וואָס גאָט האָט אונז בעשערט. געהאָרכזאַמקייט צו די געזעצע איז נויטווענדיג פאַר אַ גוטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, פאַר די ענטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע רייכטהימער און די גרויסקייט פון פאָטערלאַנד. די פאַטריאָטישע רעליגיאָן איז אָהן אַ צווייפעל אַ גוטער מיטעל צו פערשטאַרקערן די געהאָרכזאַמקייט פון די בירגער. און אויב דאָס אַלעס העלפט ניט, אויב דער רעוואָלוציאָנערער גייסט ענטוויקעלט זיך פאָרט צווישען די מאַסען, דאַן איז דאָ נאָך אַ מיטעל, אום אָבצושרעקען דאָס פאָלק און דורכצונעהמען די הערצער מיט מורא: די זשאַנדאַרמען, דאָס געריכט, די געפענגניסע, די אַרמעע א.ז.וו.

די פאָלגען פון אַזאַ ערציהונג ענטוויקעלט ביי די שוואַכע, איבערהויפּט, ווען זיי זיינען ניט פעראייניגט, אַ געפיהל פון ענטמוטהיגונג און אַ פּאַסיווע גלייכגילטיגקייט. ווען איינער פון דיזע אונגליקליכע וועט צופיעל געפייניגט ווערען פון זיינע ליידען, וועט ער זיך בענוגענען צו קלאָגען אויף זיין שיקזאַל און איבערטראָגען זיינע שמערצען מיט געדולד; און ווען זיין פערצווייפלונג איז שוין צו גרויס, אַז ער זאָל איהר קענען איבערטראָגען, וועט ער ענדליך בעגעהען זעלבסט-מאָרד. מענשען, וועלכע זעהען, אַז זיי זיינען שוין מעהר ניט אימשטאַנד צו נעהמען פון וואו עס איז אויף צו לעבען, בעגעהען זעלבסט-מאָרד; נאָכדעם ווי זיי האָבען פריהער פינקטליך בעצאָהלט זייער דירה-געלד, שרייבען זיי צולעצט נאָך אַ בריעף צו דעם פּאָליציי-קאָ-

מיסאַר און בעטען איהם ענטשולדיגונג פאַר די אונבע־קוועמליכקייטען, וועלכע זיי האָמען איהם פערורזאַכט. א שעהנעם ביישפיעל פון א קראַנקער מאָראַל, וועלכע אונזער מאָדערנע ערציהונג האָט ענטוויקעלט.

* * *

די פראפאגאנדא.

יעדע ערשיינונג, יעדער פאַקטאָר, וועלכע העלפען מיט צושטערען דעם פאַסיווען גייסט און די פיינע געדולדיגקייט פון דער מאַסע, בעגינסטיגען די ענטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען. איינע פון דיזע ערשיינונגען איז די געזעלשאַפטליכע אונגלייכהייט; דורך איהר פיהלט דער עלענדער די לאַסט פון זיין עלענד און דעם שמערץ פון זיינע ליידען. אין די גרויסע שטעדט, וואו דער אונבעשרייבליכער לוקסוס פון די רייכע מאַניפעסטירט זיך פריי און אָפען, אָט דאָרטען ענטשטעהט צוערשט דאָס בעדערפעניש צו מאַכען א פערגלייך צווישען דער אויסברייטערונג פון די בעזיצענדע קלאַסען און דעם טרויעריגען סאָציאַלען צושטאַנד פון די אונגליקליכע און עלענדע. דאָס גערעכטיגקייטס־געפיהל פון די פראָלעטאַריער פיהלט זיך בעליידיגט דורך דיזע שרייענדע אונגלייכהייט און דורך די טעגליכע סקאַנדאַלען און געמיינהייטען.

אַלצדינג, וואָס רופט אַרויס א פערמעהרונג פון די מאַטעריעלע בעדערפענישען, אַלעס וואָס פערגרעסערט די נויטווענדיגקייט צו בעפרידיגען די דאָזיגע בעדערפענישען, פערמעהרט אין דערזעלבער צייט די ליידען פון דעם פראָלעטאַריער. און פון דער אַנדערער זייט איז יעדע ערשיינונג, וועלכע ריכטעט זיך געגען די געדולדיגקייט, די געהאָרכזאַמקייט, די מורא, יעדע ערשיינונג, וועלכע פערשמאַרקערט ביי איהם די אינדיווידועלע ווירדע, א מיטעל, צו פערשטאַרקערן זיין געפיהל פון גערעכטיגקייט. די

פערזענליכע ליידען, פערבונדען מיט דעם בעליידיגטען גערעכטיגקייטס־געפיהל, זיי זיינען דאָס דער אייגענטליכער קוואַל פון'ם רעוואָלוציאָנערען גייסט.

ווי עס ווייזט אוים, קענען די ערציהונג און בילדונג ארויסרופען דיזעלבע רעזולטאַטען. ביידע איבערצייגען אונז פון דער נויטווענדיגקייט פון היגיענישע און סאַניטערע איינריכטונגען און מאַכען אונז בעקאַנט מיט די בעקוועמליכקייטען פון לעבען, זיי ענטוויקלען לאָגישערווייזע די מאַטעריעלע בעדערפענישען, און אין דערזעלבער צייט רופען זיי אַרוים ביי דעם מענשען שטאַרקערע מאָראַלישע בעדערפענישען און געוואוינען איהם צו צו איינגערע סאָציאַלע בעציהונגען מיט זיינע מיטמענשען.

אָבער די פראָלעטאַריער בעקומען בלויז אַ פאַלשע, סאָפיסטישע ערציהונג און אַ זעהר פרימיטיווע און מאַנגעלהאַפטע בילדונג דורך דעם שטאַאַט און די קירכע, אַן ערציהונג, דורך וועלכע מען זוכט סיסטעמאַטיש צו דערשטיקען יעדעס בעדערפעניש פאַר אַ בעסערן צושטאַנד, יעדען וואונש צו שאַפען נייע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען. אַ פאָלקאָמענע און פרייהייטליכע ערציהונג איז ניט געמאַכט געוואָרען פאַר די קבצנים. אַזאַ בילדונג בעקומען אין בעסטען פאַל נאָך די יעניגע, וועלכע די בורזשואַזיע רופט מיט פעראַכטונג די „דעקלאַסירטע"; ד. ה. אַזעלכע מענשען, ביי וועלכע די מאַטעריעלע און מאָראַלישע בעדערפענישען האָבען זיך ענטוויקעלט צוזאַמען מיט אַ קריטישען גייסט, נאָר זיי האָבען ניט די מעגליכקייט צו בעפרידיגען זייערע בעדערפענישען. *)

*) די „דעקלאַסירטע" ווערן ניט אימער רעוואָלוציאָנערען, מאַנכע פון זיי קעהרען זיך ווידער צוריק צום בורזשואַזיען לאַגער, געפינענדיג דאָרט אַ מיטעל צו מאַכען אַ געשעפט; ד. ה. צו פערזיכערן זייער עקזיסטענץ. דיזע וויניגע מאַכען זייער קאַריערע אין דער פאָליטיק און בעטריגען זייערע וועהלער מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט. אַנדערע ענטוויקלען זיך אַלס שווינדלער אין דער פינאַנציעלער און

עס איז אַלזאָ ניט מעהר ווי אַ צופֿאַל, אַז די ערציהונג און בילדונג מאַכען פֿון מאַנכע „דעקלאַסירטע" רעוואָלוציאָנערען. נאָר פֿאַר די פּראָלעטאַריער איז נייטיג, זיי זאָלען זיך פֿריהער בעפֿרייען פֿון די אַלע פֿאָראורטהיילען און אַבערגלויבען, וועלכע די רעליגיאָן און אָפֿיציעלע מאָראַל האָבען ענטוויקעלט ביי זיי, איידער זיי זיינען אימשטאַנד צו ווערן רעוואָלוציאָנערען.

די נויטווענדיגקייט צו בעקעמפֿען די אונטערדריקונג, צו העלפֿען און צו ערמוטהיגען זיך איינער דעם אַנדערן, אָט דאָס איז דער אורשפּרונג פֿון דער פּראָפּאַגאַנדאַ. זי האָט זיך ענטוויקעלט גאַנץ ספּאָנטאַן פֿון די געמיינשאַפֿטליכע ליידען און שמערצען און פֿון דער געגענזייטיגער סימפּאַטהיע. אין דער ווירקליכקייט איז די פּראָפּאַגאַנדאַ ניט אַנדערש ווי אַ מין געגענזייטיגע ערציהונג צווישען די פּראָלעטאַריער, אום זיי גוט בעקאַנט צו מאַכען מיט די אינטערעסען פֿון זייער קלאַסע, און דערפֿאַר איז זי דאָס בעסטע און זיכערסטע מיטעל פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון רעוואָלוציאָנערע אידעען און שטרעבונגען צווישען די מאַסען.

די פּראָפּאַגאַנדאַ ווירקט דורך דעם, וואָס זי ערקלעהרט די מענשען די אורזאַכען פֿון זייער עלענד און שקלאַפֿעריי. זי ענטוויקעלט דעם גייסט און אַנאַליזירט און בעגרינדעט די נויטווענדיגע מאַטעריעלע בעדערפֿענישען פֿון אַ נאָרמאַלען לעבען אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. זי דערמאָנט דעם איינצעלנעם מענשען שטענדיג פֿון דאָס ניי אין זיינע ליידען און שמערצען, אין וועלכע ער וואָלט זיך בּיסלעכווייז פֿערגעסען דורך דער אַלטעגליכער געוואוינהייט. זי בע־

קאָמערציעלער וועלט. נאָך אַנדערע, וועלכע ווילען זיך ניט אונטערוואַרפֿען צו דער שקלאַפֿעריי אין דער פֿאַבריק אָדער אין ביוראָ, פֿיהרען אַ לעבען ווי די ציגיינער, וועלכעס איז אויך ניט אַנדערש ווי אַ פֿערמאַסקירטער פּאַראַזיטיזם, אַ טרויעריגער צופּאַסען זיך צו דער היינטיגער געזעלשאַפֿט.

קעמפּפט די בלינדע אונטערוואַרפונג, די שקלאַפּישע געהאָרכזאַמקייט, זי ענטוויקעלט און פערשטאַרקערט אין'ם מענשען דאָס געפיהל פון פערזענליכער ווירדע און געזעכ־טיגקייט. זי בעקעמפּפט די פייגהייט, די מורא, וועלכע ענטשטעהען מייסטענטהיילס דאַן זעהר לייכט, ווען דער מענש שטעהט אַליין און איז אָבגעשלאָסען פון אַלע אַנדערע, און ענטוויקעלט אין איהם דאָס געפיהל פון סימפּאַטהיע און סאָלידאַריטעט. די פּראָפּאַגאַנדאַ ערוועקט אין'ם מענשען דעם פערלאַנג נאָך בילדונג און פערפיינערט דעם גייסט פון קריטיק; מיט איין וואָרט: די פּראָפּאַגאַנדאַ איז דאָס מעכטיגסטע מיטעל פאַר דער אינדיווידועלער ענטוויקלונג.

אָט דיזע אַלע ווירקונגען פון דער דאָזיגער געגענווער־טיגער ערציהונג מאַניפעסטירען זיך אין דערזעלבער צייט, זיי זיינען פערבונדען און צונויפגעפלאָכטען איינע מיט די אַנדערע; נאָר מען קען אַנאַליזירען די פאָלגען פון יעדער בעזונדער.

די פּראָפּאַגאַנדאַ בעשטימט גענוי די מאַטעריעלע בעדערפעניסען. די מאָדערנע פּראָדוקציאָן אויף'ן קאַפּיטאַ־ליסטישען אופן האָט אין גאַנצען איבערגעביטען די אָרגאַ־ניזאַציאָן פון דער אַרבייט. די מאַשינעריע, די אַרבייט אין בעזונדערע און אָבגעשלאָסענע לאָקאַלען, די געוואַלטיגע פערמעהרונג פון די מעכאַנישע און טעכנישע הילפס־מיט־לען האָבען אַרויסגערופען אַזעלכע היגיענישע און סאַניטערע בעדערפעניסען און זאָרגען, פון וועלכע די אַרבייטער אין די אַלטע צייטען אָדער די לאַנד־אַרבייטער האָבען אפילו ניט גע'חלום'ט. די אַרבייטער אין די שטעדט, וועלכע זיינען מייסטענטהיילס געקומען פון לאַנד, פון די דערפער, זיינען ניט בעקאַנט מיט דיזע נויטווענדיגקייטען און ריזיקירען דערפאַר זעהר אָפט זייער געזונדהייט און זייער לעבען. אָט דאָ פאַנגט זיך אָן די פּראָפּאַגאַנדאַ און מאַכט זיי בעקאַנט מיט דער אַבסאָלוטער נויטווענדיגקייט פון די אויבען דערמאָנטע בעדערפעניסען: זי ערקלעהרט זיי, ווי

נויטוועגדיג עס איז זיך אָבצורוהען און צו האָבען אַ פֿרייע צייט פֿאַר זיך, אָבצוהיטען זייער געזונדהייט, זי ענטוויקעלט ביי זיי דעם פֿערלאַנג צו לעבען אין גוטע וואוינונגען און צו אַרבייטען אין ריינליכע פֿאַבריקען און אַרבייטס-פּלעצער א.ז.וו. ביי דעם איינעם פֿעראורזאַכט זי אַן איבערבייט פֿון די אַלטע איינגעוואָרצעלטע אידעען, וועלכע די ערציהונג און די אַלטעגליכע געוואוינהייטען פֿון לעבען האָבען ענטוויקעלט אין איהם; ביי דעם אַנדערן אַיבייט זי אויס די בעגריפֿע און פֿאָרשטעלונגען, וועלכע די פּראַקטישע ערפֿאַהרונג האָט איהם געגעבען. אין דערזעלבער צייט ערוועקט זי די אַלע בעדערפֿענישען, וועלכע ענטוויקלען זיך גאַנץ ספּאָנטאַן אויס די אַרומיגע בעדינגונגען, און פֿערשטאַרקערט די אַלגעמיינע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער דורך דער הילפֿע פֿון וויסענשאַפֿטליכע בעאָבאַכטונגען און קענטניסע (סטאַטיסטישע בעריכטען, רעזולטאַטען פֿון דער מעדיצינישער פֿאָרשונג א.ז.וו.).

פֿון דער אַנדערער זייט ענטוויקעלט די פּראָפּאַגאַנדאַ ביי די אַרבייטער דעם פֿערלאַנג צו געניסען די בעקוועמליכקייטען פֿון לעבען, וועלכע דער פּראָגרעס פֿון דער וויסענשאַפֿט, די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקציאָן און די בעקוועמע פֿערבינדונגען איבעראַל האָבען געשאַפֿען. נור דורך די פֿלייסיגע אַרבייט פֿון די פּראָלעטאַריער זיינען די בעזיצענדע קלאַסען אימשטאַנד צו געניסען דיזע אַלע בעקוועמליכקייטען. אָט דאָ הויבט אָן צו ווירקען דאָס גערעכטיגקייטס-געפֿיהל פֿון'ם אַרבייטער. די געגענזייטיגע פּראָפּאַגאַנדאַ ערמוטהיגט די אַרבייטער אין זייער פֿערלאַנג צו געניסען אַלע בעקוועמליכקייטען פֿון אַן אַנשטענדיגען לעבען און אַלע גייסטיגע און קינסטלערישע פֿערגעניגענס.

אָט אַזוי ערוועקט די פּראָפּאַגאַנדאַ ביי אַלע מענשען דעם מעהר אָדער וויניגער בעוואוסטען שטרעבען צו אַ נאָרמאַלען, געזונדען און פֿאָלשטענדיגען לעבען. דיזע

שטרעבונגען מאַניפֿעסטירען זיך וואָס ווייטער אַלץ דייטליכער צום טראָץ פֿון דער רעליגיאָן און דער אָפֿיציעלער מאָראַל. דאָס טעגליכע בילד פֿון דער סאָציאַלער אונגלייכהייט גופא העלפֿט מיט זיי צו ענטוויקלען. דאָס בעליידיגטע גערעכטיגקייטס־געפֿיהל האָט איבעראַל און צו אַלע צייטען אַרויסגערופֿען אַ געוויסע פֿיינדליכע שטימונג ביי די אָרעמע און עלענדע, וועלכע האָט פֿעראורזאַכט, אַז די מוטהיגסטע און אינטעליגענטסטע פֿון זיי האָבען אָנגעהויבען קריטיקירען מיט שאַרפֿע און קלאָהרע ווערטער די אורזאַכען פֿון זייער עלענד. אָט דיזע ווייניגע האָבען בעקאַנט געמאַכט זייערע קאַמעראַדען מיט זייערע אידעען און זיי געגעבען דעם מוטה נאָכצודיינקען איבער זייער טרויעריגען צושטאַנד. אָט דאַדורך איז אונטערגעגראָבען געוואָרען דער געפֿיהל פֿון געהאָרכזאַמקייט און רעזיגנאַציאָן. מען האָט אָנגעהויבען קוקען מיט מיסטרויאישע אויגען אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אויסבייטונג און האָט נאָכגעפֿאָרשט, ווי אַזוי די רייכטהימער ענטשטעהען. די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדאַ האָט זיך ענטוויקעלט גאַנץ ספּאָנטאַן און איבעראַל. זי האָט געגעבען און גיט די אונבעשטימטע און אונקלאָהרע בעגריפֿען און פֿאָרשטעלונגען פֿון אַמאָל אַ קלאָהרע און בעשטימטע פֿאָרם; זי האָט בעקעמפֿט און בעקעמפֿט יעדען טאָג די רוהיגע און פֿייגע אָנערקענונג פֿון עלענד און שקלאַפֿעריי; זי פֿערניכטעט די רעזולטאַטען פֿון אַ פֿאַלשער ערציהונג און בעקעמפֿט די פּוסטע דאָגמאַס פֿון דער שולע און די עפֿענטליכע צייטונגען, וועלכע פֿערטהיידיגען די אינטערעסען פֿון׳ם קאַפּיטאַליזם.

די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדאַ ריכטעט זיך געגען די בעשרײנקונג פֿון די בעדערפֿענישען, זי ציהט די נויטווענדיגע און אונפֿערמיידליכע קאָנסעקווענצען פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער אונגלייכהייט, זי ערמוטהיגט די פּראָלעטאַריער אין זייערע פֿאָדערונגען צו געניסען אַלע בעקוועמליכקייטען פֿון לעבען, וועלכע זיי אַליין האָבען בעשאַפֿען, זי בעקעמפֿט

די פֿאַלשע צופֿרידענהייט מיט די בעשטעהענדע אומשטענדען, די שקלאַפֿישע געדולד פֿון די אונטערדריקטע און ענטוויקעלט אין זיי דעם געפֿיהל פֿון פערזענליכער ווירדע. און אין דערזעלבער צייט ענטוויקעלט זי און פֿערשטאַרקערט דעם געפֿיהל פֿון גערעכטיגקייט ביי די מענשען. אָט דיזע געגענזייטיגע פראָפּאַגאַנדאַ האָט די אַרבייטער אויסגעלערנט צו בעקעמפֿפֿען די טיראַנישע געזעצע און רעגלען אין די פֿאַבריקען, דעם דעספּאָטיזם פֿון די מייסטערס און אויפֿזעהער און צו פֿאָדערן אַן אַנשטענדיגע און מענשליכע בעהאַנדלונג.

די פראָפּאַגאַנדאַ רופֿט אַרויס פֿריינדשאַפֿטליכע און קאַמעראַדשאַפֿטליכע בעציהונגען צווישען די אַרבייטער; זי פֿעראייניגט די מוטהיגערע און די מעהר צוריקגעהאַלטענע עלעמענטען, די שוין בעוואוסטע מיט די נאָך אונבעוואוסטע קעמפֿפֿער; זי פֿערבינדעט די גייסטיג ענטוויקעלטע אָרגאַניזאַציאָנען מיט די גייסטיג מעהר הינטערשטעליגע גרופּירונגען, די פֿאָרטגעשריטענערע לענדער מיט די, וואָס זיינען וועניגער פראָגרעסיוו און פֿאָרטגעשריטען. דאָס ביישפּיעל און די געגענזייטיגע בעציהונגען געפֿינען איבעראַל די גינסטיגסטע בעדינגונגען און זיינען איינע פֿון די וויכטיגסטע אורזאַכען פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון'ם רעוואָלוציאָנערען גייסט. מען קען לייכט פֿערשטעהן, וואַרום די פראָפּאַגאַנדאַ ענטוויקעלט זיך אַזוי לייכט צווישען אַרבייטער, וואָס לעבען צוזאַמען אין גרעסערע מאַסען. זי פֿערשפּרייט זיך אין אַלע לענדער און געהט אַריבער אַלע גרענעצען: זי צושטערט די גייסטיגע שלאַפֿקייט פֿון די אַרבייטער זי מאַכט זיי בעקאַנט מיט די אורזאַכען פֿון זייער עלענד און שקלאַפֿעריי און צווינגט זיי צו פֿאָדערן זייער רעכט צו לעבען. די אַלע אויפֿשטענדע אין רוסלאַנד אין פֿריהלינג 1905 זיינען געווען דער רעזולטאַט פֿון דיזער פראָפּאַגאַנדאַ.

* * *

די ארבייטער־ארגאניזאציאָן.

נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען ביי די עלענדע און אונטערדריקטע אַ געגענזייטיגע פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע ענטוויקעלט ביי זיי דעם וואונש נאָך וואָהלזיין און בעקוועמליכקייט און דאָס געפֿיהל פֿון פּערזענליכער ווירדע; נאָך דעם ווי זיי הויבען אָן צו פֿיהלען שטאַרקער זייערע ליידען און זייער גערעכטיגקייטס־געפֿיהל ווערט אויפֿגעגעגט צוליעב די שטענדיגע בעליידיגונגען — אָט דאַן איז געקומען די צייט, ווען עס מאַניפֿעסטירט זיך ביי זיי דער אינסטינקט פֿון רעוואָלט. אָבער די ליידען אַליין, אפילו ווען זיי ווייזען זיך אויס דעם מענשען פֿאַר אונערטרעגליך, זיינען נאָך קיין גענוגענדע גאַראַנטיע, אַז דער איבערבייט פֿון די געפֿיהלען און געדאַנקען זאָל האָבען אַ רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער; עס קען טרעפֿען, אַז דער אינסטינקט פֿון רעוואָלט געהט ניט אַריבער דעם גרענעץ פֿון אַ צאָרניגער אויפֿגערעגטקייט, האָט ניט קיין בעשטימטען ציעל און פֿערשווינדעט ביסלעכווייז ווידער.

די אונוויסענהייט און אַבערגלויבען קענען פֿערניכטען דעם גאַנצען איינדרוק פֿון אַ רעוואָלט, מיט דעם וואָס זיי פֿיהרען איהר אויף אַ פֿאַלשען וועג, אָדער געבענדיג די פּאָליטיקער אָדער די הערשענדע קלאַסען גופא די מעגליכקייט צו פּאַראַליזירען די גאַנצע בעוועגונג. מיר האָבען געזעהן אין מיטעל־אַלטער (מיר זעהען עס נאָך איצט אויך) ווי די מאַסען האָבען גענומען ראַכע פֿון די, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פֿאַר די פֿעראורזאַכער פֿון זייערע ליידען. מיר האָבען געזעהן, אַז מענשען האָבען געמאַכט פֿעראַנטוואָרטליך די אידען פֿאַר זייער עקאָנאָמישער שקלאַפֿעריי; און די רוסישע רעגירונג האָט זיך גוט בענוצט מיט די אַנטיסעמיטישע פֿאָראורטהיילען, כדי אָראָבצופֿיהרען געוויסע בעוועגונגען פֿון'ם ריכטיגען וועג. און מיט צעהן יאָהר צוריק האָבען מיר זאָגאַר געזעהן אין פֿראַנקרייך, אין דעם

שטעדטעל אייג־מאָר, ווי פראַנצויזישע אַרבייטער האָבען ערמאָרדעט איטאַליענישע אַרבייטער, אָנשטאָט זיך צו נעהמען צו די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען געצאָהלט דיזע אונגליקליכע קלענערע אַרבייטס־פּרייזען.

עס איז אַלזאָ נויטוועגדיג, אַז די, וואָס ליידען זאָלען פריהער פון אַלצדינג בעקאַנט ווערן מיט די אייגענטליכע אורזאַכען פון זייער עלענד און שקלאַפעריי. דער ניט בעקאַנט זיין מיט דיזע אורזאַכען קען זעהר לייכט אַראָבפיהרען אַ בעוועגונג פון ריכטיגען וועג, איבערהויפּט אין דער צייט פון אַן אַלגעמיינען קריזיס, ווען טויזענדער פערשיעדענע אינטערעסען שפּילען אַ ראָלע, אָדער ווען אַ בעוועגונג נעהמט אַרום אונצופריעדענע עלעמענטען פון אַלע סאָרטען: אַמביציעזע פּאָליטיקער, קליינע בורזשואַז, פּראָלעטאַריער א. ז. וו., אָדער ווען דאָס ציעל פון אַ בעוועגונג ווערט פערדונקעלט פון פּאָליטישע פראַגען, וועלכע בעקומען אַלץ מעהר וויכטיגקייט, וואָס וויניגער די מאַסע קען זיי פערשטעהען און קאָנטראָלירען.

און דאָס איז נאָך מעהר דער פאַל, ווען עס האַנדעלט זיך אום אַ ריין עקאָנאָמישע בעוועגונג, איבערהויפּט אום אַן אַרבייטער־בעוועגונג. אַזוי לאַנג ווי די אַרבייטער זיינען ניט פערפיהרט דורך אַ פרעמדען איינפלוס, האָבען זיי שטענדיג קלאָהרע פאָדערונגען, וועלכע שטעהען אין אָנקלאַנג מיט זייער וואונש צו פערבעסערן זייער לאַגע און צו פערזיכערן זייער וואָהלזיין, ווי צ.ב.ש. פערהעכערונג פון לוין, פערקלענערן די צאָהל פון די אַרבייטס־שטונדען, רעספּעקט פאַר זייער פּערזאָן א.ז.וו. זיי בעגרייפען, אַז די אורזאַכע פון זייער עלענד און שקלאַפעריי איז די קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטונג. שוין אַ לאַנגע צייט, אַז דיזע ערקענטניס און דער אַנטאַגאָניזם פון די אינטערעסען מאַניפעסטירען זיך אין דער פאָרם פון לאָקאַלע רעוואָלטען, סטרייקס און אָרגאַניזאַציאָנען פון קאַמפף־געזעלשאַפטען, פון וועלכע עס האָבען זיך ענטוויקעלט די היינטיגע געווערקשאַפטען. אָט

אין דיזע אָרגאַניזאַציאָנען ענטוויקעלט זיך און אַרבייט זיך אויס דער קלאַסען־בעוואוסטזיין פֿון׳ם פּראָלעטאַריאַט; אין די געווערקשאַפֿטען געהט אָן די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ, די ערציהונג פֿון די אַרבייטער, וועלכע בעפֿרייט זיי פֿון די פֿאָראורטהיילען און אַבערגלויבען און פֿערשטאַרקערט ביי זיי דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט.

די געווערקשאַפֿטען זיינען די קאַמפּף־אָרגאַניזאַציאָנען געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אויסבייטונג. דער אַרבייטער שליסט זיך איין צו דיזע אָרגאַניזאַציאָנען, אום צו פֿערטהיידיגען זיינע אינטערעסען געגען די אַטאַקען פֿון׳ם קאַפּיטאַליסט; די גייסטיגע אַטמאָספֿערע איז אַלזאָ דאָרט זעהר גינסטיג פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון רעוואָלוציאָנערע געפֿיהלען און שטרעבונגען, פֿיעל גינסטיגער ווי אין די קאָאָפּעראַטיווע פֿעראייניגונגען און אַלע אַנדערע עהנליכע קערפּערשאַפֿטען, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען פֿון גאַנץ אַנדערע שטרעבונגען, און אויב זיי האַלטען די אַרבייטער שוין ניט צוריק פֿון קאַמפּף, טהוען זיי אָבער קיין זאַך ניט זיי צו בעגייסטערן צום קאַמפּף. אַזעלכע פּאָליטיקער ווי וואַלדעק־רוסאָ, מילעראַן און אַנדערע האָבען זאָגאַר אויסגעפֿונען, אַז עס איז זעהר גוט פֿאַר דער רעגירונג אָנצוביטען די סינדיקאַטען זאָגענאַנטע גינסטיגע בעדינגונגען, כדי זיי זאָלען זיך אָבגעבען מיט געגענזייטיגע אונטערשטיצונגען אָדער פֿערוואַנדלען זיך אין קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטען. דיזע העררען האָבען גוט פֿערשטאַנען, אַז ווען די סינדיקאַטען וואָלטען אָנגענומען זייער פֿאָרשלאַג, וואָלטען זיי אין גאַנצען פֿערלאָרען זייער רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף־כאַראַקטער.

אין די סינדיקאַטען געהט אָן אַט דיזע געגענזייטיגע פּראָפּאַגאַנדאַ, פֿון וועלכער איך האָב גערעדט פֿריהער; דאָרטען אַרבייטען זיך אויס און פֿערשטאַרקערן זיך די פֿאָדערונגען פֿאַר מאַטעריעלע בעדערפֿענישען, וועלכע די אונוויסענהייט פֿון דעם איינצעלנעם בעגרייפֿט מאַנכעסמאָל

ניט, וועלכע זיינען אָבער נויטווענדיג פֿאַר אַ געזונדען און נאָרמאַלען לעבען אין די צענטערס פֿון דער אינדוסטריע. אין דער געווערקשאַפֿט פֿערלייכטערט זיך די פּערזענליכע פֿעראַנטוואָרטליכקייט אין אַלע אינדיווידועלע אָדער אַלגע־מיינע ליידען: ווען עס מאַכט זיך אַן אונגליק, קראַנקהיי־טען א. ז. וו. דורך די מאַשינען, דורך שלעכטע סאַניטערע בעדינגונגען אָדער דורך אַרבייטסלאָזיגקייט, איבער־פּראָ־דוקציאָן, אַן עקאָנאָמישען קריזיס א.ז.וו.

אין די סינדיקאַטען פֿינדעט הויפּטזעכליך שטאַט די מאָראַלישע ערציהונג פֿון די אַרבייטער: די ענטוויקלונג פֿון דער מענשליכער ווירדע, די סימפּאַטהיע און סאָלידאַ־ריטעט צו זיינע קאַמעראַרען. דיזע ערציהונג מאַניפֿעסטירט זיך דורך דעם פּערזענליכען ביישפּיעל און דורך דעם מעכטיגען איינדרוק, וואָס אַ פּערזענליכע האַנדלונג מאַכט אויף אַנדערע. מען לערנט זיך קענען איינער דעם אַנדערן און ערמוטהיגט זיך געגענזייטיג, בעזיעגענדיג דאַדורך שרעק און מורא. די סטרייקס אַרביימען אויס יעדען טאָג דאָס געפֿיהל פֿון סאָלידאַריטעט און די רעוואָלוציאָנערע אינ־סטינקטען דורך פּראַקטישע האַנדלונגען, און דאָס איז טאַקע די אורזאַכע, פֿאַר וואָס די סטרייקס אין אַלגעמיין האָבען אַזאַ ניצליכע און וויכטיגע בעדייטונג און פֿאַרוואָס זיי זיינען אַזוי נויטווענדיג פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער ערציהונג, פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון דער סאָלידאַריטעט און רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען און אינסטינקטען.

אַ דאַנק די גרויסע אַרבייטער־פֿעראייניגונגען פֿון אונזער צייט האָט זיך די סאָלידאַריטעט, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט דורך די געמיינשאַפֿטליכע אינטערעסען, זעהר פֿערשטאַרקערט און האָט זעהר פֿיעל מיטגעהאָלפֿען צו פֿערניכטען די געפֿיהלען פֿון שרעק און מורא, וועלכע מיר געפֿינען מייסטענטהיילס ביי אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען אָבגעטהיילט פֿון אַלע אַנדערע. דער פּערזענליכער ביישפּיעל און די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פֿון איינ̇יגע אינדיווידוען

געפֿינט אַ באַלדיגען און ווירקזאַמען אָבקלאַנג, אַריינדרינגענדיג אין די ברייטע מאַסען. די לייכטע מעגליכקייט צו שאַפֿען געגענזייטיגע בעציהונגען בעגינסטיגט, פֿערשטעהט זיך, די פֿערשפּרייטונג פֿון אַזעלכע בעוועגונגען.

אָט דיזע אַלע בעדינגונגען האָבען ביסלעכווייז ענטוויקעלט אַ פֿעסטען באָדען פֿאַר גרעסערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען. דורך די ערפֿאַהרונגען פֿון די איינצעלנע אינדיווידוען אָדער פֿון גאַנצע גרופּען האָט די גאַנצע מאַסע פּראָפֿיטירט. די אידעען האָבען זיך אויסגעאַרבייט וואָס ווייטער אַלץ קלאָהרער און בעשטימטער. די פֿעהלער און אונקלאָהרהייטען פֿון די ערשטע צייטען פֿערשווינדען ביסלאַכווייז. די אַלגעמיינע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער, וועלכע זיינען פֿריהער שטאַרק בעאיינפֿלוסט געוואָרען פֿון פֿרעמדע ערשיינונגען (פּאַטריאָטישע פֿאָראורטהיילע ווי אין אייג־מאָר, אַנטיסעמיטישע פֿאָראורטהיילע, איינפֿלוס פֿון דער רעגירונג און די פּאָליטיקער א.ז.וו.) מאַניפֿעסטירען זיך אַלץ ריינער און זעלבסטשטענדיגער. אָבער פּונקט דערפֿאַר איז עס נויטווענדיג, אַז די געווערקשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן זאָל זיין אונאַבהייניג פֿון די פֿערשיעדענע פּאָליטישע פּאַרטייען, מיט וואָס פֿאַר נעמען זיי זאָלען זיך ניט רופֿען, נור אויף אַזאַ מין אַרט, וועט די אַרבייטער-קלאַסע קענען אויפֿהאַלטען דעם בעוואוסטזיין פֿון איהרע פֿאָדערונגען און קלאָהר זעהן דעם ציעל, צו וועלכען זי שטרעבט.

אָבער די אָרגאַניזאַציאָן האָט נור דאַן אַ ווערטה, ווען זי ענטוויקעלט ניט אין דער פֿאָרם פֿון דיסציפּלין אַ נייען גייסט פֿון געדולד און רעזיגנאַציאָן. די אָרגאַניזאַציאָן דאַרף זיין אַ מיטעל צו ענטוויקלען די אינדיווידועלע פֿעהיגקייטען פֿון איהרע מיטגליעדער און די פּערזענליכע איניציאַטיווע דאַרף ניט דערשטיקט ווערען דורך אַ מעהר אָדער ווייניגער אויטאָריטערע דירעקציאָן. עס וואָלט געווען דער ערגסטער פֿעהלער, ווען די איינצעלנע אינדיווידוען וואָלטען געזעצט זייער גאַנצען צוטרוי אויף איניגע „אויסערוועהלטע” און

זיי געגעבען די פֿולע מאַכט צו ענטשיידען אַלע פֿראַגען און צו האַנדלען פֿאַר אַלע אַנדערע. אַזאַ צושטאַנד וואָלט געווען דער טויט פֿון יעדער פערזענליכער ענערגיע און די אורזאַכע פֿון אונטהעטיגקייט און שוואַכקייט.

דיזער פֿאַקט אַליין איז נאָך אַן אורזאַכע, פֿאַר וואָס די אַרבייטער־בעוועגונג דאַרף זיך האַלטען אונאַבהייניג פֿון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. די פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען צו שטאַרק צענטראַליזירט, אום זיי זאָלען גאָר קענען ערלויבען, אַז אַן איינפֿאַכע און אונבעדייטענדע געווערקשאַפֿט זאָל אויפֿהויבען איהר שטימע, איבערהויפּט, ווען עס האַנדעלט זיך אום וואַהל־אינטערעסען. די אויסערוועהלטע האָבען שטענדיג דעם וואונש צו צווינגען די אַנדערע זיי זאָלען אָנערקענען זייער ווילען, זיי גיבען זיך איבערהויפּט קיין שום רעכנונג איבער דעם ווילען פֿון די אַנדערע פּאַרטיי־מיטגליעדער. מיר האָבען אין דיזער בעציהונג געזעהן צאָהלרייכע ביישפּיעלע.

די ענטוויקלונג פֿון׳ם רעוואָלוציאָנערען גייסט לאָזט זיך ניט פֿעראייניגען מיט אַן אויטאָריטערער אָרגאַניזאַציאָן. אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן דערשטיקט יערע איניציאַטיווע, יעדע פערזענליכע ענערגיע. *מענשען רעוואָלטירען ניט דורך דעלעגאַציאָנען.* די ערשטע בעדינגונג פֿאַר אַן אַלגעמיינעם אויפֿשטאַנד אָדער אַן אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז דער בעטהייליגען זיך פֿון דער גאַנצער מאַסע, וועלכע פֿיהלט זיך בעגייסטערט דורך די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און דאָס ביישפּיעל פֿון אַ מוטהיגער מינאָריטעט. אָבער אַזאַ בעוועגונג, אַזאַ אויפֿשטאַנד קען מען ניט דעקרעטירען; זי ענטוויקעלט זיך פֿון אונטען, פֿון די מאַסען און ניט פֿון אויבען, פֿון איינינגע אויסערוועהלטע. אָט דערפֿאַר האָבען אַלע „פֿיהרער" אַ מין נאַטירליכע אַנטיפּאַטהיע געגען אַזעלכע בעוועגונגען. זיי קעהרען זיך אָב דערפֿון, מורא האָבענדיג פֿאַר דער פֿעראַנטוואָרטליכקייט; זיי שרעקען זיך דערפֿאַר, ווייל אַלע רעגלען פֿון דער

פערנונפט זיינען נאָך זייער מיינונג פלוצלינג פערניכטעט געוואָרען, און זיי בעגרייפען ניט, אַז עס ווייזט זיך זיי נור אויס אַזוי, ווייל זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט גערעכענט מיט דער קראַפט פון די געפיהלען ביי די מאַסען, ווייל זיי האָבען שטענדיג איגנאָרירט דיזע קראַפט, ווייל זיי האָבען זיך איבערהויפט קיינמאָל ניט געקענט בעקענען מיט איהר.

איז עס נייטיג צו דערמאָהנען דעם פיאַסקאָ פון'ם גענעראַל־סטרייק פון די פראַנצויזישע קוילען־גרעבער אין 1902? דער דאָזיגער סטרייק, פאַר וועלכען די אַרבייטער האָבען עטליכע מאָל געשטימט, איז ניט פּראָקלאַמירט געוואָרען, טראָץ אַלע פאָרבערייטונגען, דערפאַר וואָס דאָס גענעראַל-קאָמיטע איז געווען דאַגעגען. די מורא פאַר דער פעראַנטוואָרטליכקייט, דאָס שרעקעדיגע געפיהל צו האַנדלען געגען די רעגלען פון אַ פאַלשער קלוגשאַפט האָבען בע־איינפלוסט דאָס קאָמיטע און פילייכט מעהר פון אַלעם אַנדערע דער פּאָליטישער איינפלוס, דען די פעדעראַציאָן פון די קוילען-גרעבער איז דאַמאָלסט אין גאַנצען געווען אין די הענד פון די פּאָליטיקער.

אין אַן אויטאָריטערער אָרגאַניזאַציאָן פערלירען די פיהרער ביסלעכווייז און ניט בעמערקענדיג עס די נויט־װענדיגע בעציהונגען צווישען זיך און דער מאַסע; זיי האָבען אַנדערע זאָרגען און אַנדערע מיינונגען, זיי פערשטעהען צולעצט מעהר ניט די אייגענטליכע בעדערפענישען פון די מיטגליעדער און זיינען אין גאַנצען פערנומען מיט די אינטריגעס פון דער הויכער פּאָליטיק.

נאָר פון דעסטוועגען האָט מען אין איינינע לענדער פאָרגעשלאָגען אַזאַ מין אָרגאַניזאַציאָן און אין געוויסע קערפערשאַפטען עקזיסטירט ווירקליך אַ גענעראַל־קאָמיטע, אום צו טהאָן אַלע וויכטיגע אַרבייטען אָדער אום צו ענטשיידען אַ סטרייק, דערפאַר וואָס מען האָט זיך איינ־גערעדט, אַז דאָס קאָמיטע בעזיצט אַזעלכע פּאָליטישע און

פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פֿעהיגקייטען, וועלכע די מאַסע הויבט ניט אָן צו פֿערשטעהן. מען ערוואַרטעט, אַז אַזאַ קאָמיטע קען אַם בעסטען אָבוויינען די מעגליכקייטען פֿאַר אַן ער־פֿאָלג און די גינסטיגע געלעגענהייטען פֿאַר אַ בעוועגונג. און וואָס לאָזט זיך אויס? עס פֿעהלט איהם שטענדיג דער הויפּט־עלעמענט, די וויכטיגסטע קראַפֿט, וועלכע בעשטימט יעדע אַקציאָן: דאָס געפֿיהל.

די קראַפֿט פֿון'ם געפֿיהל, וועלכע בעשטימט יעדע האַנדלונג, זי אַליין שאַפֿט די גרעסטע מעגליכקייט פֿאַר אַן ערפֿאָלג. אָט דערפֿאַר קען אַן אויפֿשטאַנד אָדער אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג ניט אַרויסגערופֿען ווערן דורך אַן אויטאָריטערען בעשלוס, ווי פֿערנינפֿטיג ער זאָל ניט זיין, דערפֿאַר קען אַזאַ בעוועגונג נור געמאַכט ווערן פֿון די, וועלכע פֿיהלען און ליידען, פֿון די ביי וועמען די געפֿיהלען ווערן צולעצט אַזוי אויפֿגעקאָכט, אַז זיי צווינגען די מענשען צו האַנדלען. דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום די פּראָפּאַגאַנדאַ קען ווירקען אויף אַלע ליידענדע אָהן אַן אונטערשיעד, אויף וואָס פֿאַר אַ הויכער אָדער נידעריגער שטופֿע פֿון גייסטיגער ענטוויקלונג זיי זאָלען ניט שטעהן; דאָס איז די אורזאַכע, וואַרום די פּראָפּאַגאַנדאַ האָט זאָגאַר געווירקט אויף דעם רוסישען מוזשיק — דערפֿאַר וואָס ער פֿיהלט איהר.

דיזע קריטישע בעמערקונגען, וועלכע איך האָב דאָ געמאַכט, ערקלעהרען אונז אויך אין דערזועלבער צייט די אויסערגעוועהנליכע אונמעכטיגקייט פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מען דערמאָנט אונז ביי יעדער געלעגענהייט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט איהרע שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָנען, איהרע דריי מיליאָן וועהלער און איהרע 1.800.000 געווערקשאַפֿטס־מיטגליעדער; אָבער מען הויבט ניט אָן צו פֿערשטעהן, אַז דאָס, וואָס שטעלט בלומרש'ט פֿאָר די קראַפֿט פֿון דיזער פּאַרטיי, איז אין דערזעלבער צייט די אורזאַכע פֿון איהר אונפֿעהיגקייט און

שוואַכקייט צו האַנדלען. די סאָציאַל-דעמאָקראַטען האָבען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָן, זעהר אויטאָריטעטער און גוט דיסציפלינירט; אָבער אָט דיזע אויטאָריטערע בעשטימונגען און די דיסציפלין פון איהרע מיטגליעדער האָט געטויטעט ביי די איינצעלנע אינדיווידועןיעדען פונק פון איניציאַטיווע און פערזענליכער ענערגיע. אין דייטשלאַנד, וואו די אַרבייטער זיינען געצוואונגען צו לעבען אין אַ זעהר פערשקלאַפטען צושטאַנד, וואָלט מען אייגענטליך געדאַרפט ערוואַרטען, אַז זייער קאַמפף זאָל זיך ריכטען פריהער פון אַלעם געגען די איינגעוואָרצעלטע מנהגים און געוואוינהייטען פון געהאָרכזאַמקייט און אונטערוואַרפונג, וועלכע גיבען דעם מיליטאַריזם אַזאַ געוואַלטיגע קראַפט. אָבער פונקט פערקעהרט, די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט נאָך פערשטאַרקערט דעם גייסט פון רעזיגנאַציאָן און בלינדער געהאָרכזאַמקייט דורך איהרע אויטאָריטערע אָרגאַניזאַציאָנען און די פאָלשטענדיגע דיסציפלינירונג פון איה־ע אָנהייננגער. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אַבסאָלוטע אונפעהיגקייט אין רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען, איף וועלכע דער פראַנצויזישער סאָציאַל-דעמאָקראַט זשאָרעס גופא האָט אָנגעדייט אויף דעם קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם (1904).

די דייטשע געווערקשאַפטען, שטעהענדיג פאָלשטענדיג אונטער דעם איינפלוס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, זיינען אייך דורכגעדרונגען פון דעמזעלבען גייסט פון רעזיגנאַציאָן און געהאָרכזאַמקייט. איך דערמאָהן זיך נאָך אין דעם בעריהמטען וועבער-סטרייק פון קרימיטשוי (1903), וועלכער האָט דער רעגירונג און די קאַפּיטאַליסטען ניט פעראורזאַכט די קלענסטע אונבעקוועמליכקייטען. אָבוואָהל די אַרבייטס-בעדינגונגען פון די וועבער זיינען געווען אויסערגעוועהנליך שלעכט, איז דער סטרייק אָנגעגאַנגען אין דער גרעסטער אָרדנונג, אָקוראַט ווי דאָס סטרייקקאָמיטע האָט בעשטימט און — — האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר נישט און גאָר נישט. און דיזער רעזולטאַט איז

פֿעראורזאַכט געוואָרען דורך די פּאַסיוויטעט פֿון דער אַרבייטער-קלאַסע פֿון איין זייט און פֿון דער אַנדערער זייט דורך דעם, וואָס די פֿיהרער אַליין האָבען ניט געהאַט קיין צוטרוי אין די מאכט פֿון זייער אָרגאַניזאַציאָן.

נאָך אַ בעסערער ביישפּיעל איז געווען דער ריעזען־סטרייק פֿון די קוילען־גרעבער אין דער רוהר־געגענד, וועלכער איז אָנגעגאַנגען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק. 200.000 אַרבייטער האָבען אַוועקגעלייגט די אַרבייט. אין דער בעוועגונג זיינען פֿעראייניגט געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, די קריסטליכע און די פּוילישע געווערקשאַפֿטען. די סימפּאַטהיע פֿון דעם אַלגעמיינעם פּובליק איז געווען אויף דער זייט פֿון די סטרייקערס און אפילו די שטימונג פֿון דער רעגירונג איז ניט געווען קיין אונגינסטיגע פֿאַר די אַרבייטער. און טראָץ דעם האָט דאָס סטרייק־קאָמיטע בעשלאָסען צו ענדיגען דעם סטרייק; אָבוואָהל די גרויסע מאַיאָריטעט פֿון די אַרבייטער האָט געשטימט פֿאָרטצוזעצען דעם קאַמפּף. און דאָך האָט מען זיך גענומען צוריק צו דער אַרבייט, אין דעם זעלבען מאָמענט ווען די בעלגישע קוילען־גרעבער זיינען אַרויס אין אַ סאָלידאַריטעטס־סטרייק מיט זייערע דייטשע קאַמעראַדען און האָבען דאַדורך נאָך פֿערשטאַרקערט די מעגליכקייט פֿון אַן ערפֿאָלג.

אין דעם דאָזיגען סטרייק האָט זיך דייטליך מאַניפֿעסטירט דער גייסט פֿון געהאָרכזאַמקייט, וועלכער כאַראַקטעריזירט די אָרגאַניזירטע דייטשע אַרבייטער: רוהיג, פֿריעדליך און דיסציפּלינירט; און אום אויפֿצוהאַלטען די דאָזיגע אָרדנונג און דיסציפּלין האָבען געוויסע קוילען־גרעבער געטראָגען אַ ווייסען באַנד אויף'ן אַרבעל און אָרגאַניזירט אַ בעזונדערע פּאָליציי, וועלכע איז זאָגאַר געגאַנגען אַזוי ווייט איבערצוגעבען די „שלעכטע עלעמענטען" צו די זשאַנדאַרמען.

דאָס אידעאַל פֿון די סאָציאַליסטישע פֿיהרער איז, ווי עס ווייזט אויס, די אויטאָריטערע הערשאַפֿט איבער די

מאסען. די גרויסע מאסען־בעוועגונג, וועלבע האט זיך מאניפעסטירט אין 1904 אין איטאליען אין דער פארם פון'ם גענעראל־סטרייק, אום צו פראטעסטירען געגען די מערדערייען פון די זשאנדארמען, איז ארויסגעוואקסען גאנץ ספאנטאן פון די ארבייטער גופא אהן א שום בעפעהל פון דער סאציאליסטישער פארטיי. אבער דיזעלבע סאציאליס־טישע פארטיי — אזוי האט בעריכטעט דער איטאליענישער קארעספאנדענט פון'ם בערלינער „פארווערטס" — האט זאגאר געהאט די אבזיכט צו פארמירען א בעזונדערע „סאציאליסטישע פאליציי", אום צו פערהיטען אינדיווידועלע געוואלט־אקטען, פערברעכען און פלינדערונגען, וועלבע קענען קאמפראמיטירען די בעוועגונג. (דאס איז שטענדיג געווען דער פאסענדער אויסדרוק צו ענטשולדיגען יעדע פייגהייט.) און דער פראנצויזישער סאציאליסט זשארעס האט נאך צוגעזעצט: „דאס איז א סימן, אז דער גענעראל־סטרייק אלס א קאמפף־מיטעל פון'ם פראלעטאריאט האט דערגרייכט זיין פעריאדע פון רייפקייט". (זעה „ל'אומאניטע" פון'ם 4־טען אקטאבער 1904.)

צוליעב אנדערע אורזאכען האט אויך די געווערקשאפט־ליכע ארגאניזאציא אין די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא אנגענומען א שטארקען אויטאריטעט־ען כאראקטער. לאראן קאסא האט אונז געגעבען א בילד פון די דאזיגע סינדיקאטען אין די „טאן נואווא" (זעה די נומערן 25, 26 27 און 29 פון 1904) וועלבע האבען אן זייער שפיצע א גאנצען גענעראל־שטאב. אט דיזען גענעראל־שטאב און די אויטאריטערע פארמע פון ארגאניזאציאן דארפען אונזערע אמעריקאנער קאמעראדען בעקעמפפען מיט זייער גאנצער ענערגיע. און דאסועלבע איז אויך דער פאל מיט די אלטע טרייד־יוניאנס אין ענגלאנד.

אין פראנקרייך איז די סינדיקאליסטישע בעוועגונג אונאבהייניגיג פון אלע פאליטישע פארטייען און מיט דער אוסנאהמע פון איינצעלנע ווייניגע געווערקשאפטען מיט אן

אויטאָריטערער אָרגאַניזאַציאָן, האָט זי ניט צו ליידען פֿון איבערטריבענע רעגלען און געזעצע. אמת, דיזע אונאַב־היינגיגקייט איז ניט נאָך דעם געשמאַק פֿון געווּיסע גייס־טער; זיי דערזעהן איבעראַל אונאָרדנונג און אונקלאָהרהייט, וואו עס גיט ניט קיינע פֿעסטע רעגלען און בעשטימונגען. זיי האָבען מורא פֿאַר אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונגען, אַז יעדען טאָג וועלען פֿאָרקומען פֿון דאָס ניי קעמפֿע און שטרייטיגקייטען, צוזאַמענשטויסונגען, וועלכע זיינען אונ־פֿערמיידליך אין אַ פֿרייער אָרגאַניזאַציאָן. זיי וואָלטען געוואָלט, אַז אַלצדינג זאָל זיין גערעגעלט און בעשטימט אין פֿאָראויס, און זיי בעגרייפֿען ניט, אַז דאָס וואָלט פֿער־וואַנדעלט די געווערקשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן אין אַ ביור־ראָקראַטישע מאַשין, וואו די אַלמעכטיגקייט פֿון אַ צענטראַל ביוראָ וואָלט בעהאַנדעלט די איינצעלנע מיטגליעדער אַלס איינפֿאַכע נולען, וועלכע האָבען מעהר ניט צו טהאָן ווי אויסצופֿיהרען די בעפֿעהלען, וואָס קומען פֿון אויבען. מען וואָלט אַזוי ווייט געקומען, אַז די „ליעבע צו איינינגקייט און אָרדנונג" וואָלט פֿערניכטעט די אונאַבהיינגיגקייט פֿון די סינדיקאַטען אין אַוועקגערויבט פֿון זיי יעדען סימן פֿון לעבען און בעוועגונג. אַ שטאַרקע געזעצליכע רעגולירונג וועט שטענדיג האָבען דיזעלבע געפֿעהרליכע און אונפֿער־מיידליכע קאָנסעקווענצען, וועלכע איך האָב פֿריהער דערמאָהנט: אויטאָריטערע פֿערוואַלטונג, אָבשוואַכונג פֿון דער פּערזענליכער איניציאַטיווע און דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע ביי די מאַסען.

אום ניט צו בעשריינקען די לעבענס־קראַפֿט פֿון די סינדיקאַטען איז אונבעדינגט נויטווענדיג, אַז די פֿעדערירטע אָרגאַניזאַציאָנען זאָלען זיין פֿאָלקאָמען פֿריי. היינט זיינען די מייסטע סינדיקאַטען אין פֿראַנקרייך אונאַבהייגיגע גרופען פֿון אַרבייטער, אין וועלכע די טהעטיגקייט פֿון יעדען אינדיווידואום קען געפֿינען אַ ווירקזאַמען אויסדרוק; די סינדיקאַטען פֿון זייער זייט האָבען אַ פֿרוכטבאַרען

איינפֿלוס אויף די גאַנצע פֿערוואַלטונג און טהעטיגקייט פֿון דער אַלגעמיינער פֿעדעראַציאָן; מיט איין וואָרט, זיי שפּילען די הויפּט־ראָלע אין'ם געווערקשאַפֿטליכען לעבען.

אויסערדעם זיינען אין פֿראַנקרייך די אַקטיווע עלעמענטען, צו וועלכע זייערע קאַמעראַדען געטרויען אָן אַ דעלעגאַציאָן, הויפּטזעכליך צו בעטראַכטען אַלס פּראָפּאַגאַנדיסטען. ס'איז די פּראָפּאַגאַנדאַ, די איבערצייגונג, די בעלעהרונג, וועלכע זיי האָבען ערהאַלטען. וואָס מאַכט זיי צו אַרבייטען מיט דעם בעסטען ערפֿאָלג אין דעם ווערק פֿון אָרגאַניזאַציאָן, וועלכעס מען האָט זיי איבערגעגעבען. אויסער די פּראָפּאַגאַנדאַ־טורען, די פֿערזאַמלונגען, אויסער די אַגיטאַציאָן, וועלכע ווערט אָנגעפֿיהרט אין דער צייט פֿון סטרייקס, האָבען מיר אויך די אינטימע בעציהונגען צווישען די גרופּען אַלס נאָך אַ מיטעל פֿון דער פּראָפּאַגאַנדאַ. די ראָלע פֿון די אַקטיווע עלעמענטען איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט צו פֿערגלייכען מיט דער טהעטיגקייט פֿון אַ רעגירונג; זיי אַרבייטען, אום צו ערציהען די איינצעלנע, זיי בעקאַנט צו מאַכען מיט די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער און צו פֿערשטאַרקען דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט. אויסערדעם ערוועהלט מען די דעלעגאַטען פֿאַר אַ גאַנץ בעשטימטען צוועק און מיט אַן „אימפּעראַטיווען מאַנדאַט"; ד.ה. זיי האָבען בלויז אויסצופֿיהרען די בעשליסע פֿון די מיטגליעדער און קענען ניט האַנדלען אויף זייער אייגענער פֿעראַנטוואָרטליכקייט. פֿאָלגליך קענען זיי ניט פֿעראייניגען אין זייער פּערזאָן אַ דיקטאַטאָרישע מאַכט.

די אַרבייט פֿון אַ פּראָפּאַגאַנדיסט אין אַ פֿרייער אָרגאַניזאַציאָן לאָזט זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿערגלייכען מיט דער שטעלונג פֿון אַ פֿיהרער אין אַן אויטאָריטערער אָרגאַניזאַציאָן. אָנשטאָט צו ענטשיידען אַלצדינג צו רעגירען די אַנדערע און זיי צו געוואוינען צו געהאָרכען יעדען בעפֿעהל, ערמוטהיגט ער די אַרבייטער, ערקלעהרענדיג זיי זייערע בעדערפֿענישען און פֿאָדערונגען; ער צייגט די

מענשען קלאָהר און דייטליך די אורזאַכע פֿון זייערע ליידען, זייער עלענד און זייער שקלאַפֿעריי ; ער קאָכט אויף די געפֿיהלען, וועלכע רופֿען אַרויס די רעוואָלוציאָנערע טהאַט.

די ערשטע ווירקונג פֿון דער פּראָפּאַגאַנדאַ מאַניפֿעסטירט זיך אין דער פֿערמעהרונג פֿון די סטרייקס ; אָבער עס איז גאַנץ קלאָהר, אַז די פּראָפּאַגאַנדאַ וועקט ניט בלויז דעם בעוואוסטזיין פֿון די מאַטעריעלע און ווירקליכע ליידען, זי אַרבייט ניט בלויז אויס די נויטוועגדיגע בעדערפֿענישען פֿון די אַרבייטער ; נאָר זי ערמוטהיגט אויך די פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען פֿערבונדען דורך דיזעלבע אינטערעסען, אַרויסצושטעלען זייערע פֿאָדערונגען און צו צווינגען זייערע אויסבייטער און אונטערדריקער זיי צו ערפֿילען. אין דער ווירקליכקייט זיינען עס אַלזאָ די פֿעראינטערעסירטע גופא, וועלכע בעשטימען זייער בעוועגונג און זייערע האַנדלונגען. זייענדיג פֿעראייניגט אין אַ פֿרייער סינדיקאַליסטישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע שליסט אויס יעדען איינפֿלוס פֿון די פּאָליטישע פּאַרטייען, זיינען די אַרבייטער אימשטאַנד צו פּ־אָפֿיטירען פֿון די ערפֿאַהרונגען, וועלכע אַנדערע פֿון זייערע קלאַסען־גענאָסען האָבען געמאַכט פֿריהער פֿון זיי, זיי קענען זיך בעלעהרען איינער דעם אַנדערן אין ענטוויקלען צווישען זיך די געפֿיהלען פֿון סאָלידאַריטעט און ברידערליכקייט, שטעהענדיג אַלע אויף דעמזעלבען באַזיס.

דיזע ערפֿאַהרונגען צייגען אינז, אַז די פֿאָדערונגען פֿון די אַ־בייטער זיינען קיינמאָל ניט איגנאָרירט געוואָרען ווען די אַ־בייטער זיינען געווען אימשטאַנד אַרויסצורופֿען די מורא פֿון זייערע געגנער און זיי האָבען געצוואונגען זיי צו אָנערקענען. יעדעס מאָל, ווען די אַרבייטער האָבען זיך אויסשליסליך פֿערלאָזען אויף די גערעכטיגקייט פֿון זייער זאַך און אַפּעלירט צו דער מענשליכקייט פֿון זייערע עקספּלואַטאַטאָרס אָדער צו דעם גוטען ווילען פֿון דער עפֿענטליכער מאַכט, איז דער בעסטער רעזולטאַט געווען אַ בעטרוג דורך

איינינע שעהנע ווערטער. מייסטענטהיילס האָט מען זיי נור געענטפערט מיט א שטריינגען און טרוקענעם ניין אָדער מען האָט זיי גאָר דערשאָסען ווי די הינד, ווי עס איז געווען דער פאַל אַם 22־טען יאַנואַר אין סט. פעטערבורג.

די דירעקטע אקציאָן.

(איהרע בעציהונגען צו די מייסטערס.)

די אַרבייטער האָבען גוט פערשטאַנען — און זיי האָבען געדאַרפט טהייער בעצאָהלען דערפאַר — אַז אַ פריעדליכע און געהאַרכזאַמע שטעלונג צו די עקספּלואַטאַטאָרס און דער רעגירונג ברייננט זיי, שוין נעהמענדיג דעם בעסטען פאַל, קיין שום נוצען ניט. די ערפאַהרונג האָט זיי געלערנט, אַז זיי זיינען שטענדיג געווען די אָבגענאַרטע און בעטראָגענע, ווען זיי האָבען אָנגעטרויט זייערע אינטערעסען זאָגענאַנטע „פערטרעטער" — פילאַנטראָפען אָדער פאָליטיקער. אָט דערפאַר זיינען זיי געקומען צו דעם שלוס, אַז דאָס בעסטע איז, זיי זאָלען אַליין קעמפפען, אַליין בעזאָרגען זייערע אַנגעלעגענהייטען.

פון דיזער ערפאַהרונג האָט זיך ענטוויקעלט די טאַקטיק פון „דירעקטער אַקציאָן": „אַ נייער אויסדרוק פאַר אַן אַלטע זאַך", ווי אייזשען געראַר האָט בעמערקט זעהר ריכטיג אויף דעם קאָנגרעס אין בורזש. ס'איז אָהן אַ צווייפעל אַן אַלטע זאַך, דען עס איז די אַלטע טאַקטיק פון די אַרבייטער, וועלכע די סאָציאַלע בעדינגונגען גופא האָבען בעשאַפען; אָבער עס איז נויטווענדיג פאַר דער פּראָפּאַגאַנדאַ שאַרף צו בעטאָנען די דאָזיגע טאַקטיק, אום דערמיט צו בעקעמפפען די טאַקטיק פון די געזעצליכע רעפאָרמיסטען.

די דירעקטע אַקציאָן איז דער אויסדרוק און דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָטעסט פון די אַרבייטער געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אויסבייטונג און אונטערדריקונג. איהר

ערשטע אויפגאַבע איז אָנצופיהרען דעם טעגליכען קאַמפף, אום דורכצופיהרען אָדער אויפצוהאַלטען די יעניגע פאָרעדרונגען, וועלכע זיינען אונבעדינגט נויטווענדיג אונטער די היינטיגע בעדינגונגען פון דער אַרבייט. די דאָזיגע בעדינגונגען פון דער אַרבייט פערשטאַרקערן אויך וואָס ווייטער אַלץ מעהר די נויטווענדיגקייט צו פערקלענערן דעם אַרבייטס טאָג פון די פראָדוצירער. איך ריד איצט ניט פון דער אַלגעמיינער מענשליכער בעפרייאונג אָדער פון דער בעפרייאונג פון די אַרבייטער, נאָר איך קוק אויף דער פראַגע פון אַ ריין היגיענישען און סאַניטערען שטאַנדפונקט. צו די אויבען דערמאָנטע פערבעסערונגען און נויטווענדיגקייטען קען מען אויך נאָך מיט אַריינרעכענען דעם טעגליכען קאַמפף פון די אַרבייטער פאַר די פערמעהרונג פון'ם לוין, פאַר דער פערטהיידיגונג פון זייער מענשליכער ווירדע א.ז.וו.

דאָס טעגליכע לעבען אין דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז פול מיט שטענדיגע קעמפפע און צוזאַמענשטויסונגען. די אַרבייטער בענוצען זיך מיט'ן סטרייק און באָיקאָט, מיט סאַבאָטאַזש און אַבסטרוקציאָניזם, *) אום זיך צו פערטהיידיגען. דאָס אַלעס זיינען ניט מעהר ווי פערשיעדענע פאָרמען פון דער בעוואוסטער טאַקטיק; די מיטלען שפיעלען אַ קליינע ראָלע, די הויפט-זאַך איז, אַז די אַרבייטער זיינען אימשטאַנד צו צווינגען זייערע עקספלואַטאַטאָרס, זיי זאָלען נאָכגעבען זייערע פאָדערונגען.

די פאָליטיקער און די געזעץ-ליעבענדע רעפאָרמיסטען, פערשטעהט זיך, רעקאָמאַנדירען די אַרבייטער פריהער פון אַלעס צו האַלטען זיך רוהיג און „פערנינפטיג" אין דער צייט פון אַ קאַמפף און צו רעספעקטירען די געזעצע. זיי

---

*) דער אַבסטרוקציאָניזם פון די איטאַליענישע אייזענבאַהן-אַרבייטער אין מערץ 1905 האָט זיך געענדיגט מיט דער רעזיגנאַציאָן פון דעם מיניסטעריום דזשאָליטי. דער אַבסטרוקציאָניזם קען מאַנכעס מאָל אָננעהמען — ווען מען זוכט די אַרבייטער צו בעטריגען — די פאָרם פון סאַבאָטאַזש.

זוכען אָבצושוואַכען די סטרייק־בעוועגונג דורך סאָפיסטישע אַרגומענטען, מיט דעם וואָס זיי ריידען איין די סטרייקערס, אַז עס לוינט ניט צו ברייגגען אַזוי פֿיעל אָפּפֿער פֿאַר אַ ריין לאָקאַלע בעוועגונג א.ז.וו. דאָס קלינגט זעהר שעהן, אָבער איך וויים ניט צי עס האָט ווען עס איז געטראָפֿען, אַז די אַרבייטער געהען אַרויס אין סטרייק, ווייל עס מאַכט זיי פֿערגניגען; זיי ווייסען זעהר גוט, וואָס זיי האָבען צו ערוואַרטען: עלענד, נויטה א. ז. וו. נאָר זיי קענען זיך ניט העלפֿען, די קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטונג צווינגט זיי צו סטרייקען.

וואָלט עס אפשר בעסער געווען, אַז די אַרבייטער זאָלען רוהיג איינבויגען דעם רוקען און זיך שלעפען מיט זייער יאָך? איך האָב שוין פֿריהער בעמערקט, אַז סטרייק־בעוועגונגען וועקען אויף די מענשען פֿון זייער גלייכגיל־טיגקייט, זיי בעגינסטיגען די פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די אינדיפֿערענטסטע און גייסטיג הינטערשטעליגסטע אינדיווי־דוען, אויפֿקאָכענדיג זייערע געפֿיהלען. איין וואָך פֿון אַזאַ בעוועגונג טהוט מעהר אויף פֿאַר דער פֿערשפּרייטונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע אידעען, אידער יאָהרען פֿון פֿריעדליכע פּראָפּאַגאַנדאַ.

פֿון דער אַנדערער זייט זעהען מיר זעהר אָפֿט, דאָס אפילו ווען אַ סטרייק ענדיגט זיך מיט אַ מפּלה פֿאַר די אַרבייטער, ברייגגט ער זיי מאַנכעס מאָל פּאָזיטיווע מאַטע־ריעלע ערפֿאָלגען. דער פֿאַבריקאַנט, וועלכער פֿערזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען צו בעקומען סטרייק־ברעכער, אום צו פֿערנעהמען די פּלעצער פֿון די סטרייקערס, איז זעהר אָפֿט געצוואונגען צו געבען די סטרייק־ברעכער בעסערע אַרבייטס בעדינגונגען ווי זיינע פֿריהערדיגע אַרבייטער; און וועלענדיג אויסמיידען נייע קעמפֿפֿע, זוכט ער אויך שפּעטער ניט איבערצומאַכען די נייע בעדינגונגען. עס פֿערשטעהט זיך, אַז דאָס איז נור דאַן מעגליך, ווען דער פֿאַבריקאַנט האָט ניט קיין געלעגענהייט אַריינצונעהמען אין פֿאַבריק אַרבייטס־

לאָזע, הונגעריגע און עלענדע, וועלכע זיינען צופֿריעדען צו אַרבייטען פֿאַר יעדען פּרייז. דאָס מיינט אַלזאָ, אַז די אַרבייטער מוזען זעהן צו פֿערהינדערן אַזאַ מעגליכקייט דורך דער דירעקטער אַקציאָן, זיי מוזען זעהן ווי ווייט מעגליך צו צווינגען דעם פֿאַבריקאַנט דורך ענערגישע אַטאַקען זיך ניט צו בענוצען מיט דער גינסטיגער געלעגענהייט צו בעקומען ביליגע אַרבייטס־קרעפֿטען.

ווען עס וואָלטען ניט געווען קיין סטרייקס און לאָקאַלע בעוועגונגען, וואָלט די לאַגע פֿון'ם פּראָלעטאַריאַט געווען נאָך פֿיעל ערגער ווי זי איז היינט. דער קאַמפּף האָט אַם ווייניגסטענס געהאַט די ווירקונג צו בעשריינקען די קאַפּיטאַליכטישע אויסבייטונג ביז צו אַ געוויסען גראַד, אָבוואָהל ער האָט איהר ניט אין גאַנצען געקענט פֿערניכטען.

די רעפֿאָרמיסטען און פּאָליטיקער קענען זיך ניט העלפֿען, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג מוזען זיי אָנערקענען די סטרייקס אַזוי ווי זיי זיינען. אָבער זיי פּריידיגען אַם ווייניגסטענס די רוהיגקייט, די אָרדנונג און דעם רעספּעקט פֿאַר די געזעצע. דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פֿאַר אַן ערפֿאָלג, זאָגען זיי. אין דער אמת'ן הייסט דאָס זיך אויסלאַבען פֿון די אַרבייטער. אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אָהן ענערגישע האַנדלונגען, אָהן אויפֿרעגונג פֿון די געפֿיהלען, אָהן בעגייסטערונג איז איבערהויפּט ניט מעגליך. אום אויפֿצומונטערן די מאַסען איז נייטיג, אַז די ענערגישסטע און מוטהיגסטע עלעמענטען זאָלען איינשטעלען זייער גאַנצע פּערזענליכקייט, צוברעכען די אָפֿיציעלע רעגלען און געזעצע, זוכען צו ענטהוזיאַזמירען די שרעקעדיגע און אויפֿצורוועקען אין זיי דעם בעוואוסטזיין פֿון זייער קראַפֿט. די שטענדיגע דערמאָהנונגען צו האַלטען זיך „קלוג און פֿערנינפֿטיג" האָבען כמעט אימער אַ גאַנץ אַנדערן רעזולטאַט, זיי פֿערניכטען די בעגייסטערונג פֿון די מאַסען און צושטערען די קראַפֿט פֿון דער בעוועגונג. מען האָט נאָך קיינמאָל

עפעס אויסגעטהאָן דורך אַזעלכע סטרייקס פֿון אָרדנונג, געזעצליכקייט און רעזיגנאַציאָן.

דער סטרייק, די מאָדערנע פֿאָרם פֿון אויפֿשטאַנד קען און דאַרף ניט זיין קיין קאַלטע בעוועגונג אָהן מוטה און אָהן בעגייסטערונג. ווען די ארבייטער האָבען שוין יאָ געוויסע אויסזיכטען אויסצופֿיהרען זייערע פֿאָדערונגען, איז עס נור דורך דעם, וואָס זיי שרעקען איבער די עקספּלואַטאַטאָרס און אַטאַקירען די אמת'ע אינטערעסען פֿון די פֿאַבריקאַנטען און מייסטערס. דער סטרייק גופא, וועלכער איז איצט אַן אַלטעגליכער מיטעל פֿון דער אַרבייטער-קלאַסע, איז פֿריהער אין גאַנצען געווען אַ פֿערברעכען, און אויב די אַרביימער וואָלטען רעספּעקטירט די געזעצע פֿון זייערע הערךן, וואָלטען זיי קיינמאָל אין לעבען ניט געקענט סטרייקען. אפילו היינט צו טאָג זוכט מען נאָך צו בעשריינקען דאָס רעכט צו סטרייקען דורך צאָהלרייכע געזעצליכע בעשטימונגען, אום כלומר'שט צו שיצען די „פֿרייהייט פֿון דער אַרבייט".

דער רוהיגער און געזעצליכער סטרייק האָט איבערהויפּט קיין שום אויסזיכט ניט צו זיין ערפֿאָלגרייך, ווייל דער פֿאַבריקאַנט האָט שטענדיג גענוג פֿינאַנציעלע מיטלען אויסצוהאַלטען און קען אויך רעכענען אויף די סאָלידאַריטעט פֿון די איבעריגע פֿאַבריקאַנטען. דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואָרום דער גענעראַל-סטרייק פֿון די ענגלישע מעכאַניקער אין 1898 האָט זיך געענדיגט מיט אַ פֿאָלשטענדיגע מפלה פֿון די אַרבייטער, אָבוואָהל זייער אָרגאַניזאַציאָן איז געווען זעהר אַ מעכטיגע, און אָבוואָהל די סאָלידאַריטעט פֿון'ם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט איז געווען אויף זייער זייט. דער סטרייק האָט אָבגעקאָסט 27 מיליאָן פֿראַנק אין זיעבען מאָנאַט צייט. די רעגירונג האָט זיך ניט אַריינגעמישט און דאָך האָבען די פֿאַבריקאַנטען געהאַט אַ פֿאָלשטענדיגען זיעג.

כדי אַ סטרייק זאָל האָבען אַן ערפֿאָלג, איז נויטווענ־דיג די בעוועגונג זאָל ניט אָנהאַלטען צו לאַנג, נאָר זי דאַרף בעווייזען די גרעסטע ענערגיע. די שוואַכע מאַטעריעלע אונטערשטיצונגען ערלויבען ניט די אַרבייטער צו שטעהן אַ לענגערע צייט אין סטרייק. אָבער ווי אַזוי קענען די אַרבייטער האָבען אַן ערפֿאָלג, ווען זיי רעכענען אויסשליס־ליך אויף זייער פּאַסיווע האַלטונג, אום צו בעזיעגען די קאַפּיטאַליסטען מיט זייערע רעזערווע־פֿאָנדס? די בורזשואַזע געזעצגעבונג ערלויבט די אַרבייטער נור אַזעלכע מיטלען, וועלכע זיינען ניט שעדליך פֿאַר די קאַפּיטאַליסטען. צו האלטען זיך פּאַסיוו און ניט אַריבערצוגעהן דעם גרענעץ פֿון דער געזעצליכקייט איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי דער טויט פֿון אַ בעוועגונג. אויב די אַרבייטער ווילען האָבען אַן ערפֿאָלג, מוזען זיי האַנדלען געגען די געזעצע, זיי מוזען זיך בענוצען מיט אונגעזעצליכע מיטלען, איבער־שרעקען די פֿאַבריקאַנטען און די סטרייק־ברעכער, וועלכע זוכען צו פֿערנעהמען זייערע פלעצער א.ז.וו. אויף אַזאַ מין אַרט האָט מען אויך אויסגעפֿיהרט, אַז די גרויסע מאַגאַזינען אין פּאַריז זיינען אָבענדס צו אַ בעשטימטער צייט און אין זונטאָג פֿערמאַכט געוואָרען. מען האָט נעמליך אָרגאַניזירט רעוואָלוציאָנערע מאַניפֿעסטאַציאָנען פֿאַר די גרויסע גע־שעפֿטען, אַטאַקירט די קונדען און דאַדורך געצוואונגען די אייגענטהימער אַליין צו פֿערמאַכען זייערע געשעפֿטען.

אויב עס האַנדעלט זיך צו צווינגען דעם פֿאַבריקאַנט, ער זאָל נאָכגעבען די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער, דאַרף זיך די דירעקטע אַקציאָן בענוצען מיט יעדען מיטעל, ניט קוקענדיג צי עס איז געזעצליך אָדער אונגעזעצליך. פֿער־שטעהט זיך, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, ווען די געזעצע פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט בעשטראָפֿען יעדע רעבעלישע האַנדלונג אויף דעם גרויזאַמסטען אופן, איז עס נייטיג צו זיין פֿאָרזיכטיג מיט יעדער האַנדלונג און אויסצומיידען ווי ווייט מעגליך אונניצליכע אָפּפֿער. אָט

דערפֿאַר האָבען די פּראָלעטאַריער אָנגעהויבען צו בענוצען זיך מיט געוויסע מיטלען, וועלכע זיינען טאַקע אונגעזעצליך, נאָר אויב מען פֿערשטעהט זיי אָנצואווענדען, ווי עס דאַרף צו זיין, זיינען אַלע געזעצע אונמעכטיג: אַזאַ מיטעל איז צ. ב. ש. די סאַבאָטאַזש אין איהרע טויזענדער פֿערשידענע פֿאָרמען, ד. ה. די פּלאַנמעסיגע בעשעדיגונג פֿון די רוי־שטאָפֿען, די מאַשינען און אַרבייטס־פּראָדוקטען א.ז.וו.

אָבער עס גיט אויך אַזעלכע מאָמענטען, ווען די אַרבייטער פֿיהלען זיך אַזוי שטאַרק און ענערגיש, אַז זיי שרעקען זיך ניט אָב פֿאַר קיין מיטעל און ריזיקירען אַלצ־דינג, אום אויסצופֿיהרען זייערע פֿאָדערונגען.

די דירעקטע אַקציאָן שליסט ניט אויס קיין איינציגעם פֿון דיזע אַלע מיטלען צו גונסטען די אַנדערע. די פֿער־שידענע מעטהאָדען פֿון דער אַקציאָן ענטוויקלען זיך דורך די אומשטענדען גופא. די דירעקטע אַקציאָן אונטערשיידעט זיך ניט פֿון דער געזעצליכער טאַקטיק דורך דעם וואָס זי אָנערקענט ניט קיין אַנדער מיטעל ווי נור אונגעזעצליכע און טעראָריסטישע האַנדלונגען, ניין, זי איז איינשטימיג מיט אַלע ראַדיקאַלע מיטלען, ווען די נויטווענדיגקייט פֿאָדערט עס, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז זי אַפּעלירט אויסשליסליך צו אונגעזעצליכע האַנדלונגען אָדער צו דער געוואַלד.

אָנשטאָט צו ענטמוטהיגען די פּראָלעטאַריער, פּריידי־גענדיג זיי שטענדיג דעם רעספּעקט פֿאַר די געזעצע און מאָראַל, אָנשטאָט צו פֿערשטאַרקען זייער מורא און אונ־בעשלאָסענהייט דורך דעם, וואָס מען האַלט זיי אין איין דערצעהלען, אַז אָנווענדען געוואַלד איז אַ שאַנדע, אָנשטאָט צו בעקעמפֿען יעדען רעוואָלוציאָנערען אַקט, ערקלעהר־רענדיג, אַז עס איז געגען די זאָגענאַנטע העכערע אינטע־רעסען פֿון דער דעמאָקראַטיע און דער רעפֿאָרמיסטישער פּאָליטיק, אָנשטאָט דעם גיט די דירעקטע אַקציאָן די אַרבייטער מעהר צוטרוי אין זייער אייגענע קראַפֿט און אין

זייערע טאקטישע מיטלען, זי ערמוטהיגט זיי, וועקט אויף זייער ענערגיע און בעפרייט זיי פון אלע מאראלישע, פאטריאטישע, געזעצליכע און פארלאמענטארישע פאראורטהיילען.

אט אויף אזא מין ארט ענטוויקעלט זיך די ענערגיע פון די ארבייטער, דער פאבריקאנט בעגרייפט, אז זיי וועלען זיך פאר קיין זאך ניט אבשרעקען, אפילו ניט פון צונעהמען ראכע פאר די אפפער פון קאמפף, און דאס אליין קען געבען דער בעוועגונג אן אויסזיכט פאר אן ערפאלג. אבער מיר דארפען ניט פערגעסען, אז די דירעקטע אקציאן מאניפעסטירט זיך אין דער היינטיגער געזעלשאפט, אום אויסצוקעמפפען די נויטווענדיגסטע פאדערונגען פאר דער בעפרידיגונג פון די שטארקסטע מאטעריעלע און מאראלישע בעדערפענישען. די ארבייטער זיינען געצוואונגען פארצולייגען זייערע פאדערונגען פאר זייערע עקספלואטאטארס, צו דיסקוטירען מיט זיי און זעהר אפט ענדיגט זיך דער קאנפליקט מיט א קאמפראמיס. קלוגע מענשען האבען אין דעם געזעהן א געפאהר פאר דער בעוועגונג און עס איז כאראקטעריסטיש, אז עס זיינען פונקט געווען די רעפארמיסטען, וועלכע האבען אטאקירט די רעוואלוציאנערע מעטאלארבייטער פון הענבאן, פאר וואס זיי האבען זיך דורכגערעדט מיט די פאבריקאנטען. פאר וואס ניט בעסער מאכען די רעוואלוציאן? עס איז כמעט ניט נייטיג צו ענטפערן אויף אזעלכע ארגומענטען, דען אפילו א קינד קען פערשטעהן, אז רעוואלוציאנען קענען ניט געמאכט ווערן יעדען טאג, אבער מיר קענען און מוזען ארבייטען יעדען טאג פאר דער רעוואלוציאנערער ענטוויקלונג פון די מאסען.

*
* *

דאס שיעדס-געריכט.

צו דיסקוטירען א געוויסע פראגע מיט די פאבריקאנטען איז, אהן א צווייפעל, נאך אלץ בעסער, איידער זיך

צו אונטערוואַרפֿען דעם אורטהייל פֿון אַ שיעדס-געריכט. אַזאַ מין געריכט האָט ניט קיין שום מאַכט אויסצופֿיהרען געוויסע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער, אויב זייער אָרגאַניזאַציאָן איז ניט גענוג שטאַרק, אַז מען זאָל זיך דאַרפֿען רעכענען מיט איהר. אויב די פּראָלעטאַריער זיינען ניט אימשטאַנד אויסצופֿיהרען זייערע פֿאָדערונגען דורך זייער אייגענע קראַפֿט, קען אַ שיעדס-געריכט זיי שוין אויך ניט העלפֿען.

ס'איז ניט מעהר ווי אַ סימן פֿון שוואַכקייט אָנצוגעטרויען די אייגענע אינטערעסען און אַנגעלעגענהייטען צו אַ דריטע פּערזאָן, אַ מין פּראָטעקטאָר. אין דער ווירקליכקייט אַפּעלירט מען נור דאַן צו אַ שיעדס-געריכט, ווען די מפלה איז אונפֿערמיידליך, נאָר מען וויל עס ניט אָפֿען צוגעבען. דאָס אַליין בעווייזט, אַז אָנצורופֿען אַ שיעדס-געריכט איז אַ געפֿעהרליכער שריט. אויב די אַרבייטער האָבען ווירקליך די קראַפֿט אַליין אויסצופֿיהרען זייערע פֿאָדערונגען, דאַן איז דאָס שיעדס-געריכט ניט מעהר ווי אַ מיטעל אָבצושוואַכען די ענערגיע פֿון די אַרבייטער און די ווירקונג פֿון זייער סטרייק.

ס'איז שטענדיג אַ גרויסער פֿעהלער אָנצוגעטרויען די אייגענע אינטערעסען צו דעם אורטהייל פֿון איינצעלנע אינדיווידוען, וועלכע האָבען אָפּטמאָל קיין שום בעגריף פֿון די אייגענטליכע בעדינגונגען און בעגינסטיגען דורך דעם די אינטערעסען פֿון די קאַפּיטאַליסטען. די קראַפֿט פֿון די שיעדס-געריכטען בעשרייַנקט זיך מייסטענטהיילס אויף איינצעלנע אונבעדייטענדע פֿערענדערונגען, נאָר די הויפּט-פֿראַגען בלייבען געוועהנליך אַזוי ווי זיי זיינען געוועזען בעפֿאָר. אויף אַזאַ מין אַרט בעקומט דאָס אורטהייל דעם שיין פֿון גערעכטיגקייט און עס שטילט איין די אויפֿגערעגטע געפֿיהלען, וועלכע זיינען די גרונד-בעדינגונג פֿון יעדער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

דאָס שיעדס-געריכט איז ניט מעהר ווי אַ מיטעל

אַריינצונאַרען די אַרבייטער. די אַרבייטער פֿערשטעהען בעסער זייערע ווירקליכע בעדערפֿענישען און ליידען, זיי ווייסען בעסער ווי וויט זיי דאַרפֿען געהן מיט זייערע פֿאָדערונגען און וואָס עס איז זיי נייטיג, איידער אַ שיעדס־געריכט. עס איז שוין פֿיעל בעסער צו דיסקוטירען די אַרבייטער־פֿאָדערונגען דירעקט מיט'ן פֿאַבריקאַנט, איידער צו ריזיקירען דעם זעהר פּראָבלעמאַטישען אורטהייל פֿון אַ שיעדס־געריכט.

און ווען עס האַנדעלט זיך גאָר אום אַזאַ קאַמפּף, וואו די אינטערעסען פֿון די אַרבייטער זיינען ניט אין אָנקלאַנג מיט די עקזיסטירענדע געזעצע, דאַן איז דאָס שיעדס־געריכט אין גאַנצען אַ לעכערליכקייט. דאָס געריכט קען זיך ניט שטעלען אויסערהאַלב די סאָציאַלע בעציהונ־גען, עס קען ניט אַריבערגעהן דעם גרענעץ פֿון דער געזעצליכקייט און דערפֿאַר וועט און מוז ער פֿעראורטהיי־לען יעדע מאַכט, וועלכע וויל איינפֿיהרען און שאַפֿען נייע געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען.

די ערפֿאַהרונגען האָבען אונז געציינט, אַז די אַרביי־טער זיינען ביי יעדער געלעגענהייט בעטראָגען געוואָרען דורך די שיעדס-געריכטע. דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען דערגרייכט אין דיזער בעציהונג, זיינען געוועזען איינינע קליינע פֿע־בעסערונגען, וועלכע זיי וואָלטען גאַנץ זיכער אויך בעקומען, ווען זיי וואָלטען דירעקט אונטערהאַנדעלט מיט די עקספּלואַטאַטאָרס. דאָס אורטהייל פֿון דעם שיעדס-געריכט וואַלדעק־רוסאָ, אום צו ענדיגען דעם סטרייק פֿון קרעסאָ, איז אַ גוטעס ביישפּיעל. און אפילו דאָס וויינינע, וואָס די אַרבייטער קענען אַרויסבעקומען פֿון זייערע אויס־בייטער דורך אַ שיעדס־געריכט, איז אויך ניט זיכער, דען ווי באַלד די פֿאַבריקאַנטען בעמערקען נור, אַז זייערע לוין־שקלאַפֿען זיינען צו שוואַך צו פּראָטעסטירען, נעהמען זיי אַלצדינג צוריק, וואָס זיי האָבען פֿריהער פֿערשפּראָכען.

מיט דער הילף פֿון אַ שיערס-געריכט האָט מען בעטראָגען די דאָק־אַרבייטער פֿון מאַרסעי אין אָקטאָבער 1904; און די גאַנצע בורזשואַזע פּרעסע איז דערפֿון ענטציקט געווען. ווען די אַרבייטער האָבען ענדליך איינגעזעהן, וואָס פֿאַר אַ שפּיצעל די פּאָליטיקער האָבען זיי אָבגעטהאָן מיט זייער שיערס-געריכט, האָבען זיי פֿערזוכט צו פּראָטעסטירען געגען דעם בעשלוס; אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

די ערגסטע זייט פֿון אַ שיערס-געריכט איז דער פֿאַקט, אַז די זאָגענאַנטע „גערעכטיגקייט" מאַכט די אַרבייטער ווייך און געהאָרכזאַם, און דאָס אורטהייל פֿון'ם געריכט עקזיסטירט אויך אין דער צוקונפֿט אַלס אַן אייזערנער בעשלוס, אפילו ווען די עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָבען זיך איבערגעביטען און די אַרבייטער ווילען ווייטער אַרויסטרעטען מיט זייערע אורשפּרינגליכע פֿאָדערונגען.

דאָס שיערס-געריכט שוואַכט אָב די קראַפֿט פֿון די אַרבייטערס פֿאָדערונגען, די אַרבייטער ווערען צוגעוואוינט צו געהאָרכען און צווייפֿלען אין זייער אייגענער קראַפֿט, און דאָס איז דער זיכערסטער בעווייז פֿאַר דעם באַנקראָט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע. דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום דאָס שיערס-געריכט האָט געפֿונען די אָנערקענונג און סימפּאַטהיע פֿון אַלע געזעץ-געבער.

דער פּלאַן פֿון דעם בעקאַנטען סאָציאַליסטישען מיניסטער מילעראַן *), געגען וועלכען די פֿראַנצויזישע געווערקשאַפֿטען האָבען אַזוי שטאַרק פּראָטעסטירט, וואָלט, אָהן אַ צווייפֿעל, געווען איינער פֿון די בעסטע מיטלען, אום אויפֿצוהאַלטען דעם „סאָציאַלען פֿריעדען". די פֿער־

*) מילעראַן'ס פּלאַן איז געווען צו מאַכען פֿון דעם שיערס-געריכט אַן אָבליגאַטאָרישע אינסטיטוציע; ד. ה. אַז יעדער קאָנפֿליקט צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט זאָל מוזען ערלעדיגט ווערן דורך אַזאַ געריכט און פֿאָלגליך וואָלט יעדער סטרייק געווען אונגעזעצליך.

ווירקליכונג פון דיזען פלאַן, אָדער בעסער געזאָגט, זיין אָנערקענונג דורך די אַרבייטער וואָלט פערניכטעט יעדען רעוואָלוציאָנערען אינסטינקט דורך אַ מאַסע געצוואונגענע פאָרמאַליטעטען און געזעצליכע רעגלען. דיזער פלאַן איז געוועזן דער טויט פון יעדער געווערקשאַפטליכער טהעטיגקייט, דורך דעם וואָס ער האָט געוואָלט צווינגען די אַרבייטער ניט צו אונטערנעהמען קיין שום סטרייק, איידער זייערע פאָדערונגען זיינען ניט פערהאַנדעלט געוואָרען פאַר'ן שיעדס-געריכט. אַזאַ צושטאַנד וואָלט אַוועקגערויבט פון די געווערקשאַפטען יעדע בעדייטונג און זיי געצוואונגען זיך נאָכצושלעפען הינטער די עקספּלואַטאַטאָרס און די בעשליסע פון'ם שיעדס-געריכט.

אמת, מען האָט געוואָלט אויסוועהלען אַ קאָמיסיאָן, וועלכע זאָל בעשטעהן אַ העלפט פון פאַבריקאַנטען און אַ העלפט פון אַרבייטער, אום צו דיסקוטירען אַלע שטרייטיגקייטען צווישען די אַרבייטער און זייערע עקספּלואַטאַטאָרס. אַלעס האָט געזאָלט אָנגעהן שטיל, פריעדליך און געזעצליך. מען האָט געוואָלט רעגולירען און דיסציפּלינירען די אַרבייטער האָט מען געפאָדערט, זיי זאָלען זיך האַלטען פאַסיוו און ניט שטערען די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, מיט איין וואָרט, מען האָט זיי געוואָלט אין גאַנצען אונטערוואַרפען צו די בעשליסע פון אַ געזעצליכער קאָמעדיע. אין דער ווירקליכקייט וואָלט דאַדורך דאָס רעכט צו סטרייקען איינפאַך פערניכטעט געוואָרען. פערשטעהט זיך, אַז דאָס וואָלט אויך ניט געהאָלפען, דען די רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטען פון די מאַסען וואָלטען צובראָכען אויף טויזענד שטיקלאַך דיזען נייעם מעכאַניזם פון געזעצליכער אונטערדריקונג.

* * *

די דירעקטע אקציאן.

(איהרע בעציהונגען צו דער עפענטליכער מאכט.)

צו פערהאנדלען מיט די עקספלואטאטארס איז א נויטווענדיגקייט אין דעם טעגליכען לעבען פון דער היינטיגער געזעלשאפט; זיכער האבען די פערבעסערונגען, וועלכע די ארבייטער פרעסען ארויס אויף אזא׳ן ארט פון זייערע אויסבייטער, א גרעסערן ווערטה ווי געזעצליכע רעפארמען. דאס געזעץ בעשטעטיגט מייסטענטהיילס בלויז דאס, וואס די פראלעטאריער האבען שוין לאנג דורכגעפיהרט דורך זייער אייגענע קראפט.

רעפארמען האבען איבערהויפט ניט קיין שום ווערטה פאר די ארבייטער, אויב זיי פערלאזען זיך בלויז אויף זייער געזעצליכער בעשטעטיגונג. אויב דאס איז דער פאל, וועלען די קאפיטאליסטען שטענדיג געפינען א וועג זיך ארויסצודרעהען פון אלע געזעצליכע בעשטימונגען און דער שטאאט אליין וועט זיי העלפען אין דעם. אזוי איז צום ביישפיעל דאס בעריהמטע געזעץ איבער דעם האנדעל און די פערקלענערונג פון די ארבייטס־שטונדען, וועלכעס די פראנצויזישע נאציאנאל־פערזאמלונג האט אנגענומען אין 1848, קיינמאל ניט רעספעקטירט געווארען און האט מעהר ניט עקזיסטירט ווי אויף׳ן פאפיר.

אלע פערבעסערונגען פון די ארבייטס־בעדינגונגען האבען נור דאן געהאט א ווירקליכען ווערטה, ווען די ארבייטער זיינען געוועזען גענוג שטארק צו צווינגען די קאפיטאליסטען, זיי זאלען רעספעקטירען די דאזיגע פערבעסערונגען און עס האט שטענדיג געהאט א קנאפען ווערטה, צי די פערבעסערונגען זיינען געזעצליך בעשטעטיגט געווארען, צי ניט.

געוועהנליך זעהען מיר, אז ווען געוויסע אלגעמיינע פאדערונגען פון די ארבייטער זיינען געווארען אזוי שטארק,

אַז מען קען זיי ניט לענגער איגנאָרירען, אויב מען וויל ניט ריזיקירען גרויסע קעמפּפֿע, אָט פּונקט דאַן קומען די פּאָליטיקער און פֿילאַנטראָפּען און ערקלעהרען, אַז די דאָזיגע פֿאָדערונגען זיינען גענוג רייף, כדי מען זאָל זיי פֿערווירקליכען. (אַ ביישפּיעל האָט איהר אין די פֿערהאַנדלונגען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנפֿערענץ פֿאַר זאָגענאַנטע אַרבייטער־שוץ געזעצע.) די מייסטע צייט פֿערווענדעט מען, אום איינצושטילען די אַגיטאַציע פֿון די אַרבייטער פֿאַר דער פֿאָלשטענדיגער פֿערווירקליכונג פֿון זייערע פֿאָדערונגען, פֿאָרשלאָגענדיג אַ פּאָר אונבעדייטענדע פֿערבעסערונגען, כדי די אַגיטאַציאָן זאָל אָננעהמען אַ „פֿערנינפֿטיגען" כאַראַקטער. אין דער צייט, ווען די אַרבייטער אַגיטירען איבעראַל פֿאַר דעם אַכט־שטונדען טאָג, דיסקוטירט מען אין אַזעלכע קאָנפֿערענצען איבער די געזעצליכע בעשטעטיגונג פֿון אַ צעהן שטונדען טאָג, אַ פֿאָדערונג, וועלכע די אַרבייטער האָבען שוין כמעט איבעראַל אַליין דורכגעפֿיהרט דורך זייער דירעקטען קאַמפּף געגען די פֿאַבריקאַנטען. די אַרבייטער פֿאָדערן פֿאַר זיך אַ פֿולען טאָג יעדע וואָך, אום זיך אָבצורוהען, און די געזעצגעבענדע קאָמיסיאָנען „רעגלען" די פֿראַגע אַזוי גלענצענד, אַז דער געזעצליכער רוהע־טאָג ווערט טאַקי אָנגענומען, נאָר מיט אַזוי פֿיעל אויסנאַהמען, אַז ער עקזיסטירט נור אויף'ן פּאַפּיר, אָבער ניט אין דער ווירקליכקייט. און אַזוי געהט עס מיט אַלע אַנדערע וויכטיגע פֿאָדערונגען פֿון דער אַרבייטערשאַפֿט. מען זוכט מעהר ניט ווי אָבצושוואַכען די בעוועגונג און די קראַפֿט פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּראָפּאַגאַנדאַ דורך געפֿעהרליכע קאָמפּראָמיסען, וועלכע האָבען מייסטענטהיילס קיין שום ווערטה ניט פֿאַר די פּראָלעטאַריער.

די ערפֿאַהרונג האָט די אַרבייטער געצייגט, אַז זיי קענען זיך בלויז פֿערלאָזען אויף זייער אייגענער קראַפֿט און זיכער ניט אויף פֿרעמדע הילף אָדער אויף דעם איינפֿלוס פֿון די געזעצע. די געזעצליכע רעגולירונג פֿון די

פּראָלעטאַרישע פֿאָדערונגען איז שטענדיג ניט מעהר ווי אַ מיטעל אָבצושוואַכען דעם פֿערלאַנג פֿון די ארבייטער און פֿאָלגליך אַ געפֿעהרליכער אָבהאַלט פֿאַר דער אַלגעמיינער אַרבייטער־בעוועגונג און פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון רעוואָ־לוציאָנערע שטרעבונגען ביי די פּראָלעטאַריער.

די רעגירונג ווייסט דאָס זעהר גוט און דערפֿאַר זוכט זי זיך אַריינצומישען ביי יעדער געלעגענהייט אין די קעמפֿפֿע צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. זי פֿערזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען צו פֿערהינדערן די דירעקטע אַקציאָן פֿון די אַרבייטער, דורך וועלכע עס געלינגט זיי צו צווינגען די עקספּלואַטאַטאָרס נאָכצוגעבען זייערע פֿאָדערונגען און זעהט צו אונטערדריקען די פֿרייע ענטוויקלונג פֿון דער בעוועגונג און אויפֿצוהאַלטען די געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג מיט דער הילפֿע פֿון אַ גאַנצען באַרג געזעצע. די אַרבייטער דאַרפֿען אַלזאָ ניט בלויז קעמפֿפֿען פֿאַר די פֿערבעסערונג פֿון די אַרבייטס־בעדינגונגען, נאָר זיי מוזען אין דערזעלבער צייט אויך אָנפֿיהרען אַ קאַמפּף געגען דער עפֿענטליכער מאַכט, געגען דער רעגירונג און די געזעצע, וועלכע זוכען צו פֿערהינדערן די פֿערווירקליכונג פֿון זייערע פֿאָדערונגען.

אויב די אַרבייטער וועלען זיך פֿערלאָזען אויף די זאָגענאַנטע סאָציאַלע געזעצגעבונג, אויף דעם גוטען ווילען און די גערעכטיגקייט פֿון זייערע רעגירער, דאַן זיינען זיי פֿערלאָרען פֿאַר אַלע צייטען. דיזער אַבערגלויבען איז שטענ-דיג געווען איינע פֿון די גרעסטע הינדערנישען אין דער אַלגעמיינער אַרבייטער־בעוועגונג, דער באַנקראָט פֿון יעדער פּערזענליכער איניציאַטיווע, דער אונטערגאַנג פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע געפֿיהלען און שטרעבונגען. ער איז די גרעסטע געפֿאַהר פֿאַר יעדע געווערקשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַ־ציאָן, דען אַזוי לאַנג ווי די אַרבייטער ערוואַרטען, אַז אַנדערע וועלען זיי העלפֿען, האָבען זיי קיין צייט ניט צו דערמאָהנען זיך אין זייער אייגענע קראַפֿט, אַזוי לאַנג וועלען זיי איגנאָרירען די מעגליכקייט זיך אַליין צו העלפֿען און צו קעמפֿפֿען פֿאַר בעסערע לעבענס־בעדינגונגען.

די אַרבייטער דאַרפֿען אַלזאָ ניט בלויז אָנפֿיהרען דעם קאַמפֿ געגען דעם קאַפּיטאַליסט, דעם עקספּלואַטאַטאָר, אום צו פֿערבעסערן זייער לאַגע, נאָר זיי מוזען אויך אין דערזעלבער צייט בעקעמפֿפֿען די עפֿענטליכע מאַכט, דעם שטאַאַט, וועלכער זוכט אָבצושוואַכען זייערע פֿאָדערונגען דורך געזעצליכע רעגולאַציאָנען און בעשטראָפֿונגען. אויב די אַרבייטער וועלען זיך פֿערלאָזען אויף דער ענטוויקלונג פֿון דער זאָגענאַנטער „סאָציאַלער געזעצגעבונג", דאַן זיינען זיי פֿערלאָרען, נאָך איידער זיי וועלען אָנהויבען צו האָפֿען אויף אַ פֿערבעסערונג פֿון זייער לאַגע. די רעגירונג בעווייזט ערשט דאַן אַן אינטערעס פֿאַר דער אַרבייטער־קלאַסע, ווען די אַגיטאַציאָן נעהמט אָן אַ געפֿעהרליכען כאַראַקטער, צוליעב דעם מוטה און דער בעשלאָסענהייט פֿון איינצעלנע מוטהיגע מענער, וועלכע פֿערשאַפֿען זיך אַליין זייער רעכט און פֿערלירען ניט די צייט מיט פּוסטע האָפֿנונגען.*) אַזוי ווי מיר האָבען שוין פֿריהער בעמערקט, קומט עס די געזעצגעבער קיינמאָל גיט אַריין אין זינען זיך צו בעשעפֿטיגען מיט דער לאַגע פֿון די אַרבייטער; ערשט דאַן, ווען די אַרבייטער האָבען אַליין דורך זייער אייגענע קראַפֿט געצוואונגען די קאַפּיטאַליסטען צו אַנערקענען זייערע פֿאָדערונגען, ערשט דאַן קומען די געזעצגעבער און גיבען די דאָזיגע פֿאָדערונגען, וועלכע זיינען שוין לאַנג אויסגעקעמפֿפֿט געוואָרען, אַ געזעצליכע בעשטעטיגונג. און מייסטענטהיילס

---

*) דאָס האָבען מיר ניט לאַנג צוריק געזעהן אין רוסלאַנד, וואו די רעוואָלוציאָנערע סטרייק־בעוועגונג האָט געצוואונגען די רעגירונג צו גרינדען אַ בעזונדערן קאָמיטע פֿאַר סאָציאַלע רעפֿאָרמען; דאָס קאָמיטע האָט אָבער קיין שום ערפֿאָלג ניט געהאַט, ווייל די אַרבייטער האָבען זיך ניט געלאָזט פֿערפֿיהרען דורך פּוסטע פֿערשפּרעכונגען; זיי האָבען געלערנט פֿון די ערפֿאַהרונגען, וועלכע די פֿערגאַנגענהייט האָט זיי געגעבען.

אויך נאָך דעם גרויסען קוילען־גרעבער סטרייק אין דייטשלאַנד האָט די רעגירונג פֿערשפּראָכען צו שאַפֿען געוויסע געזעצליכע רעגולאַציאָנען צו גונסטען די אַרבייטער.

טרעפֿט עס, אַז דיזעלבע פֿאָדערונגען זיינען אויסגעפֿיהרט געוואָרען פֿון די אַרבייטער אויף אַן אומגעזעצליכען אופֿן, דורך דעם דירעקטען קאַמפּף פֿון די פּראָלעטאַריער געגען די עקספּלואַטאַטאָרס. כמעט אין אַלע לענדער זיינען די געווערקשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָנען פֿון די אַרבייטער און דער סטרייק גופא פֿריהער בעטראַכטעט געוואָרען אַלס אומגעזעצליכע האַנדלונגען און פֿערברעכען. אָבער די אַרבייטער האָבען זיך טראָץ דעם אָרגאַניזירט און אָנגעפֿיהרט סטרייקס און עקאָנאָמישע קעמפֿפֿע, זיי האָבען איגנאָרירט די געזעצע און געטהאָן, וואָס עס איז געווען נויטווענדיג פֿאַר זיי צו טהאָן, און דיזע אומגעזעצליכע האַנדלונג איז געווען די איינציגע אורזאַכע, פֿאַרוואָס די רעגירונגען האָבען שפּעטער אָנערקענט און געזעצליך בעשטעטיגט דאָס רעכט פֿון די אַרבייטער זיך צו אָרגאַניזירען און אָנצופֿיהרען סטרייקס. אונטער דעם דרוק פֿון דער דירעקטער אַקציאָן זיינען די געזעצגעבער איינפֿאַך געצוואונגען געווען צו אָנערקענען דיזע נייע רעכטע פֿון די פּראָלעטאַריער. אָבער עס וואָלט געווען אַ גרויסער אומזינן און אַ געוואַלטיגער פֿעהלער פֿון די אַרבייטער, ווען זיי וואָלטען זיך איצט ענטזאָגט פֿון דער דירעקטער אַקציאָן, דערפֿאַר וואָס די רעגירונג האָט געזעצליך בעשטעטיגט זייער אָרגאַניזאַציאָנס-רעכט. ווען די רעגירונגען האָבען ענדליך אָנערקענט די נייע רעכטע פֿון דער אַרבייטער־קלאַסע, האָבען זיי עס געטהאָן, ווייל זיי האָבען זיך ניט אַנדערש געקענט העלפֿען; אָבער זיי האָבען אין דערזעלבער צייט געהאַט זייערע בעהאַלטענע אַבזיכטען: זיי האָבען דאָס אָרגאַניזאַציאָנס־רעכט און דאָס רעכט צו סטרייקען אַזוי שטאַרק בעשריינקט דורך הונדערטער געזעצליכע בעשטימונגען און די פּאָליציי און יוסטיץ פֿערטהיידיגט אַזוי שטאַרק די אינטערעסען פֿון די קאַפּיטאַליסטען, אַז די גאַנצע רעכטע האָבען כמעט קיין שום בעדייטונג ניט פֿאַר די פּראָלעטאַריער, אויב זיי וועלען רעספּעקטירען אַלע בעשטימונגען פֿון די געזעצגעבער.

דער איינציגער מיטעל צו בעקומען נייע רעכטע איז ניט צו רעספעקטירען די אלטע געזעצע און בעשטימונגען, וועלכע בעשריינקען די פרייהייט פון די ארבייטער.

דאס איז, פערשטעהט זיך, ניט די מיינונג פון אונזערע געזעץ־ליעבענדע רעפארמיסטען. אויב די ארבייטער וואלטען זיי געפאלגט, וואלטען זיי קיין זאך ניט געטהאן אהן געזעצליכע ערלויבעניש. רוהיגקייט, פריעדליכקייט, געזעצליכקייט, אט דאס זיינען די עצות, וועלכע זיי גיבען די ארבייטער ביי יעדער געלעגענהייט. מען דארף רעספעקטירען די „געזעצליכע ענטוויקלונג", זאגען זיי און נאר אנפיהרען א געזעצליכע און פערנינפטיגע פראפאגאנדא צווישען די ארבייטער; די סאציאליסטען און ארבייטער־פיהרער דארפען „בעווייזען דעם מוטה" צו ענטוויקלען ביי דעם פראלעטאריאט דעם רעספעקט פאר די געזעצע און דעם גלויבען אין די געזעצליכע מאכט און אקציאן. די ארבייטער דארפען אונטערשטיצען זייערע פערטרעטער אין פארלאמענט, כדי זיי זאלען זיי קענען פערזיכערן מעהרער פרייהייט, דאס רעכט צו סטרייקען א.ז.וו. האט ניט זשארעס אליין ערקלעהרט (זעה „ל'הומאניטע" פון'ם 5טען אקטאבער 1904), אז נור אויף אזא'ן אופן, „ועט די ווירקונג פון דיזע רעכטע זיין א דאפעלטע?" אין וואס זאל אלזא בעשטעהן די טהעטיגקייט פון די ארבייטער? אין זייער אייזערנער דיסציפלין, זייער רעספעקט פאר די געזעצע, ד. ה. אין זייער אונטהעטיגקייט. „אויב א סטרייק וועט אנגעהן רוהיג, געזעצליך נאך אלע רעגלען פון דער דיסציפלין, דאן וועט די רעגירונג ניט האבען קיין געלעגענהייט זיך אריינצומישען, זי וועט ניט דארפען שיקען קיין פאליציי, אום צו פערהינדערן אונגעזעצליכע האנדלונגען", אזוי ארגומענטירען די רעפארמיסטען. און ווירקליך, די פאליציי וואלט אויך זיכער געווען איבערפליסיג, ווען די ארבייטער וואלטען אליין פערנומען איהר פלאץ און אויפגעהאלטען די בורזשואזע ארדנונג.

„וואָס מעהר די אַרבייטער־קלאַסע וועט אליין דיס־ציפּלינירען איהרע בעוועגונגען, אַלץ גיכער וועט קומען די צייט, ווען די רעגירונג וועט זיין געצוואונגען צו אָנערקענען דאָס פאָלשטענדיגע רעכט צו סטרייקען.“ (זעה זשאָרעס אַרטיקעל אין דער „הומאַניטע“ פון 5טען אָקטאָבער 1904.) אויף אַזאַ מין אַרט וואָלטען די אַרבייטער קיין זאַך ניט געדאַרפט טהאָן ווי צו שיקען סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט און רוהיג אָבוואַרטען, ביז וואַנען די זאָגענאַנטע „אַרבייטער־פערטרעטער“ וועלען אויסקעמפּפען מעהר פרייהייט פאַר די פּראָלעטאַריער. איך האָב שוין פריהער אויפגעוויזען וואָס פאַר א געפאַהר עס ענטשטעהט פאַר די געווערקשאַפטען, ווען זייער אָרגאַניזאַציאָן וועט בעהערשט ווערן פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, וואָס פאַר אַ נאָמען זי זאָל ניט טראָגען. מעגליך, אַז מען וועט מיר ענטפערן, אַז אַזאַ הערשאַפט האָט אויך איהר ניצליכע זייט. אָבער די ערפאַהרונג האָט אונז געצייגט, אַז די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען, אַקוראַט ווי אַלע אַנדערע, וועלען נאָר דאַן אַרויסטרעטען מיט אַ פּראָטעסט, ווען די עפענטליכע מיינונג צווינגט זיי דערצו, אָדער ווען זיי האָבען מורא פאַר אַן אַגיטאַציאָנס־בעוועגונג. אָט דער־פאַר האָבען די געווערקשאַפטען קיין שום נוצען ניט, ווען זיי שטעהען צו צו וואָס פאַר עס איז ניט פּאָליטישע פּאַרטיי, פערקעהרט, זייער אונאַבהייניגקייט גיט זיי די איינציגע מעגליכקייט צו ווירקען אויף אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, וועלכע דאַרפען זיך רעכענען מיט זייער מאַכט. עס האָט אַ קנאַפּען ווערטה פאַר די אַרבייטער, ווען זיי גיבען איבער די פערטהיידיגונג פון זייערע פאָדערונגען צו אירגענד אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט; דאָס האָבען מיר געזעהן אין דער פערגאַנגענהייט.

די אָנהייגגער פון דער דירעקטער אַקציאָן האָבען קיין אורזאַכע ניט צו וואַרטען, ביז וואַנען די דעפּוטאַטען וועלען פערטרעטען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער, אום

זיך דערמיט צו פֿערזיכערן עטליכע הונדערט שטימען מעהרער ביי די נעכסטע וואהלען. זייער גלייכגילטיגקייט און אינדיפֿערענץ איז אָפֿטמאָל מעהר ווערטה, איידער זייער מאָמענטאַנע טהעטיגקייט פֿאַר אַ געוויסע זאַך. אין פֿראַנקרייך האָבעז מיר צ.ב.ש. דערלעבט, אַז דער סאָציאַ־ ליסטישער דעפוטאַט קאַליאַר פֿון ליאָן האָט פֿאָרגעלייגט אין פֿאַרלאַמענט דעם פּראָיעקט פֿון אַ מין שיעדס-געריכט, און ווען דיזער פֿאָרשלאַג וואָלט אַנגענומען געוואָרען, וואָלט יעדער אַרבייטער, וועלכער וואָלט אַרויסגעגאַנגען אויף אַ סטרייק, בעשטראָפֿט געוואָרען.

עס איז ניט נייטיג צו בעווייזען, אַז די געווערקשאַפֿ־ טען זיינען בעסער בעקאַנט מיט די בעדערפֿענישען פֿון די אַרבייטער, איידער די דעפוטאַטען. אָנשטאָט צו לאָזען זיך פֿיהרען פֿון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, איז פֿיעל בעסער, ווען די געווערקשאַפֿטען האַנדלען דירעקט און קלייבען זיך אַליין אויס זייערע מעטהאָדען, ניט קוקענדיג דערויף צו רייזע מעטהאָדען זיינען געזעצליך אָדער אונגעזעצליך.

די טהעטיגקייט פֿון די אַרבייטער מוז זיין אַ דירעקטע, זיי דאַרפֿען זעהן אויסצומיידען יעדען אַריינמישען זיך פֿון די זאָגענאַנטע פֿאָלקס-פֿערטרעטער אָדער פֿון וועמען עס זאָל ניט זיין. נור אויף אַזאַ אַרט דאַרפֿען זיי ניט מורא האָבען, אַז זיי וועלען פֿערלירען זייער ענערגיע; און דאָס איז זיכער דער פֿאַל, אויב זיי רופֿען אָן די הילף פֿון אַנדערע, אום צו פֿערווירקליכען זייערע פֿאָדערונגען. נור אויף אַזאַ מין אַרט איז אַ בעוועגונג זיכער אויסצומיידען די געפֿאַהר, אַז מען וועט איהר אַראָבפֿיהרען פֿון ריכטיגען וועג און מאַכען פֿון איהר אַ ווערקצייג פֿון כיטרע דעמאַ־ גאָגען און פּאָליטישע אינטריגאַנטען.

די דירעקטע אַקציאָן ריכטעט זיך אַלזאָ פֿון איין זייט געגען די עקספּלואַטאַטאָרס און קאַפּיטאַליסטען, אום אויסצוקעמפֿפֿען פֿון זיי בעסערע מאַטעריעלע און מאָראַ־ לישע לעבענס-בעדינגונגען, און פֿון דער צווייטער זייט

געגען די עפּענטליכע מאַכט, אום אָבצושאַפען אַזעלכע געזעצע, וועלכע זיינען אַ הינדערניס פאַר דער פרייער ענטוויקלונג פון דער אַרבייטער־בעוועגונג.

די דירעקטע אַקציאָן איז דער איינציגער מאַסשטאַב אָבצומעסטען די אמת'ע קראַפט פון'ם פּראָלעטאַריאַט; זי אַליין גיט די אַרבייטער די פערזיכערונג צו בעקענען זיך מיט זייער אייגענער מאַכט.

די דירעקטע אַקציאָן איז אין דערזעלבער צייט די בעסטע רעוואָלוציאָנערע ערציהונג פאַר דעם פּראָלעטאַריער, זי בעפרייט דעם אינדיווידואום פון דעם גייסט פון געדול־דיגקייט און געהאָרכזאַמקייט און ערוועקט אין איהם די פערזענליכע איניציאַטיווע. זי ענטוויקעלט ביי די אַרבייטער דעם בעוואוסטזיין, אַז זיי האָבען אויף קיינעם ניט צו רע־כענען ווי אויף זיך אַליין.

* * *

די רעוואָלוציאָנערע ערציהונג.

די ערפאַהרונג האָט אונז געצייגט, אַז דאָס פּראָלע־טאַריאַט דאַרף זיך קיינמאָל ניט אָבשטעלען אין זיינע פערזוכען צו פערבעסערן זיין לאַגע, אויב ער וויל ניט ריזיקירען אַריינצופאַלען אין אַן ערגערע שקלאַפעריי. אום אויפצוהאַלטען די קלענסטע רעפאָרמע דאַרפען די אַרבייטער שטענדיג זיין אויף דער וואַך און פאַרטיג צום קאַמפף. דער אַלטעגליכער קאַמפף איז דער איינציגער מיטעל צו בעשריינקען די קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטונג. די קאַפּי־טאַליסטען, ווי באַלד עס מאַכט זיך זיי נור אַ פּאַסענדע געלעגענהייט (אַן עקאָנאָמישער קריזיס, מאַנגעל אין אַרבייט א.ז.וו.), זוכען זיי באַלד צוריקצוציהען אַלע פערבעסערונגען, זיי זעהען ווי פּטור צו ווערן פון די אונצופרידענע עלע־מענטען, נעהמען אַראָב פון לוין און פערמעהרען די אַר־ביימס שטונדען, מיט איין וואָרט, זיי ווענדען אָן אַלע מיטלען, אום אַריינצובאַפען מיט וואָס קלענערע אויסגאַבען;

גרעסערע פראָפיטען. אָפטמאָל בענוצען זיי זיך אויך מיט אַנדערע מיטלען; זיי לאָזען די אַרבייטס-בעדינגונגען ווי זיי זיינען געווען בעפאָר, נאָר זיי פערהעכערען דעם פרייז פון די פראָדוקטען; די הויז-בעזיצער פאָדערן געצאָהלט מעהר דירה-געלד א.ז.וו.

קיין צווייפעל ניט, אַז די שטענ־יגע פערזוכע פון דער אַרבייטער־קלאַסע צו פע־בעסערן איהר לאַגע — די רעזולטאַטען פון אַ שטענדיגער גייסטיגער ענטוויקלונג און פון דער סאָלידאַריטעט — האָבען ווירקליך געשאַפען פאַר די פראָלעטאַריער בעסערע לעבענס-בעדינגונגען. אָבער דיזע פערבעסערונג איז ניט מעהר ווי א רעלאַטיווע פער־בעסערונג, זי איז קליין און אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט דער ענטוויקלונג פון דער פראָדוקציאָן און מיט דער מעגליכקייט צו בעפרידיגען נייע בעדערפענישען, וועלכע עקזיסטירען איצטער נור פאַר די בעזיצענדע קלאַסען. די בעדערפענישען האָבען זיך, הייסט עס, יאָ פערגרעסערט. די אינטענסיווע אַרבייט און די ענטוויקלונג פון די גרויסע אינדוסטריע־צענטערס האָבען געשאַפען אַ נויטיוענדיגקייט פאַר נייע פאָדערונגען און בעדערפענישען, פון וועלכע מען האָט פריהער ווייניג אָדער גאָרניט געוואוסט. אָבער ווען די פראָלעטאַריער קענען היינט טראָגען העמדער, פון וועלכע דער לייב־אייגענער און מיטעל־אַלטער האָט אפילו ניט גע חלום׳ט, דאַן איז דאָס נאָך אַלץ קיין בעוויז ניט, אַז דער ערשטער איז גליקליכער פון דעם לעצטען. פער־קעהרט, מען קען זאָגאַר רוהיג בעהויפטען, אַז דאָס לעבען פון׳ם פראָלעטאַריער איז פערבונדען מיט מעהרער ליידען און שמערצען, ווייל אין דעם מאָמענט פון אַרבייטסלאָזיג־קייט ענדיגט זיך די בעפרידיגונג פון די אַלע בעדערפע־נישען, צו וועלכע ער איז צוגעוואוינט געוואָרען. דאָס לעבען פון׳ם אַרבייטער איז שטענדיג אונזיכער; ער לעבט פון איין טאָג אויף׳ן אַנדערן און אַלע פאַליאַטיווע פערזיכערונגס מיטלען זיינען ניט אימשטאַנד צו פערניכטען דאָס לוין־

סיסטעם מיט זיינע אַלע ביטערע פאָלגען: עלענד, שקלאַ־פעריי און די געפעהרליכסטע סאָציאַלע אונגלייכהייט, וועלכע עקזיסטירען אייסשליסליך צום נוצען פון אַ הייפעל פאַראַזיטישע לייידיגגעהער.

אויך די פערהעכערונג פון'ם לוין איז אָפטמאָל ניט מעהר ווי אַ פוסטער געווין, חייל עס טרעפט מייסטענ־טהיילס, אַז צוזאַמען מיט'ן ארבייטס-לוין פערהעכערט זיך אויך דער פרייז פון די נויטווענדיגע לעבענס-מיטלען, דירה־געלד א. ז. וו. אַ פערקלענערונג פון די אַרבייטס־שטונדען קען אָפטמאָל האָבען בעסערע רעזולטאַטען עס איז גאַנץ זיכער, אַז ווען די קעלנער, וועלכע אַרבייטען 17 און 18 שטונדען אין די קאַפעס, פערקלענער'ן די צאָהל פון זייערע אַרבייטס שטונדען, דאַן איז דאָס, אָהן אַ צוויי־פעל, א גוטער ערפאָלג. אָבער אין מאַנכע אַנדערע טריידס זעהען מיר זעהר אָפט, אַז א פערקלענערונג פון די אַרבייטס־שטונדען ווערט אויסגעגליכען דורך אינטענסיווערע און פלייסיגערע אַרבייט, דורך וועלכע דער אַרבייטער ווערט גיכער מיעד און אויסגעמוטשעט.

דיזע אַלע פערבעסערונגען האָבען אַלזאָ ניט מעהר ווי אַ ריין רעלאַטיווען ווערטה. און לאָמיר ניט פערגעסען, אַז איבעראַל קענען דיזע פערבעסערונגען ווידער פערניכ־טעט ווערען דורך אַן עקאָנאָמישען קריזיס, דורך די אונ־פערמיידליכע פאָלגען פון אַ ווילדער קאָנקורענץ, דורך דעם מאַנגעל אין אַ פערנינפטיגער פראָדוקציאָן, טראָץ דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבייטער. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז די אויסזיכטען פון די פראָלעטאַריער אינערהאַלב דעם איצ־טיגען סיסטעם, זיינען זעהר קליינע און וואו זיי זאָלען זיך ניט קעהרען, שלאָגען זיי זיך אָב אָן דעם קאַפיטאַליסטישען רעזשים גופא.

אָט דאָס איז די איינציגע אורזאַכע, פאַרוואָס די אַר־בייטער האָבען ביסלעכוויז פערשטאַנען, אַז דער אייגענט־ליכער צוועק פון זייער קאַמפף איז קיין אַנדערער ווי די

אבשאפונג פון דער קאפיטאליסטישער אויסבייטונג. וואס וייטער פערשטעהען זיי אלץ בעסער, אז זייער פאלשטענדיגע בעפרייאונג וועט נור דאן זיין מעגליך, ווען זיי וועלען צונעהמען פון די קאפיטאליסטען די מיטלען פון דער פראדוקציאן, די ערד, מאשינען, פאבריקען א.ז.וו. כדי זיי אליין זאלען קענען געניסען די פרוכט פון זייער ארבייט.

דאס איז אויך געוועזן דער גייסטיגער ענטוויקלונגס־פראצעס אין דער אלטער „אינטערנאציאנאלער ארבייטער־אסאסיאציאן". אין אנפאנג זיינען די אידעען פון דיזער ארגאניזאציאן געוועזן זעהר אונבעשטימט, א מין אונקלאהרער הומאניזם, אבער ביסלעכווייז זיינען די אנזיכטען פון די ארבייטער געווארען קלאהרער און בעשטימטער און די אינטערנאציאנאלע איז באלד אין גאנצען בעאיינפלוסט געווארען פון קאמוניסטישע און קאלעקטיוויסטישע אנשויאונגען.

דאסזעלבע האבען מיר געזעהן ביי דעם ווידער־אויפלעבען פון דער פראנצויזישער ארבייטער־בעוועגונג נאך דעם אונטערגאנג פון דער פאריזער קאמונע. צוערשט האבען די מוטואליסטען מיט בארבערע אן דער שפיצע געהאט אן ענטשיידענדען איינפלוס אויף דער גאנצער בעוועגונג; אבער מיט דער צייט זיינען דיזע טהעאריען געווארען אלץ שוואכער און שוואכער, די ארבייטער האבען אנגעהויבען פערשטעהן, אז א הארמאניע צווישען קאפיטאל און ארבייט און די געווערקשאפטען איז אונזיניג און אבסורד. די ערפאהרונגען, וועלכע די אלטע מיטגלידער פון דער „אינטערנאציאנאלע" האבען דורכגעמאכט האבען דער ענטוויקלונג פון די סינדיקאטען געגעבען א גאנץ נייע ריכטונג און אן אנדערן כאראקטער.

מיר האבען שוין פריהער ערקלעהרט ווי אזוי די פראפאגאנדא ארבייט אויס די נויטווענדיגע פאדערונגען פון די ארבייטער און גיט די איינצעלנע אינדיווידוען די מעגליכקייט צו בעקענען זיך מיט דער אורזאכע פון זייער

עלענד און שקלאַפעריי, און ווי אַזוי דיזע ערקענטניס רופט אַרויס ביי זיי רעוואָלוציאָנערע געפיהלען און שטרעבונגען. עס איז אַלזאָ גאָרניט נויטיוענדיג, אַז די איינצעלנע אינדיווידועען און גרופען זאָלען נאָך אַמאָל דאַרפען דורכמאַכען דיזעלבע ערפאַהרונגען ווי זייערע קאַמעראַדען פון בעפאָר. די ערפאַהרונגען פון די אַנדערע קען זיין פאַר זיי אַ מיטעל זיי אויסצומיידען די געפאַהר פון מוטואַליזם און פאַרלאַמענטאַריזם און אַ מעגליכקייט צו זעהען זייער ציעל קלאָהר און דייטליך פאַר זיך.

קיינער קען אויך ניט בעשטרייטען, אַז ווען די אַרבייטער זיינען פעראייניגט איינע מיט די אַנדערע, אום צו פערבעסערן זייער לאַגע, דאַן ענטוויקעלט זיך ביי זיי דער גייסט פון רעוואָלט גאַנץ פון זיך אַליין. דער דרוק פון דיזעלבע עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָט דעם גייסט פון די אַרבייטער פאָרבערייטעט פאַר רעוואָלוציאָנערע אידעען. אַזוי האָבען מיר שוין זעהר אָפט דערלעבט, אַז אַזעלכע געווערקשאַפטען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען פון זאָגענאַנטע „קריסטליכע סאָציאַליסטען" מיט דעם צוועק צו אונטערשטיצען די קאַפיטאַליסטען אין דער צייט פון סטרייקס, האָבען זיך שפעטער ענטוויקעלט אין אַ גאַנץ אַנדערע ריכטונג, ווי זייערע גרינדער האָבען ערוואַרטעט. אַזוי האָבען מיר צ. ב. ש. געזעהן, ווי ביי דעם גרויסען סטרייק פון די דייטשע קוילען-גרעבער אין דער רוהר-געגענד, זיינען די קריסטליכע און פוילישע געווערקשאַפטען געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט זייערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קאַמעראַדען. אין פראַנקרייך האָבען מיר געזעהן, אַז די וועבער פון נעווילי, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון די רעאַקציאָנערען, זיינען אַרויס אין אַ סטרייק און האָבען זיך באַלד ענטוויקעלט אויף אַ רעוואָלוציאָנערען אופן. זייער סטרייק אַליין האָט זיי געגעבען אַ רעוואָלוציאָנערע ערציהונג. זיי האָבען זיך אויפגעהויבען מיט דער גרעסטער ענערגיע געגען אַלע די יעפיגע, וועלכע

האָבען פֿערזוכט זיי צו אונטערדריקען, און זיי האָבען דערביי בעוויזען מעהר מוטה און בעשלאָסענהייט ווי מאַנכע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען מיט פֿריי־ערע אַנשויאונגען און מיט מעהרער פֿאָרטגעשריטענע גייסטיגע קרעפֿטען.

אין רוסלאַנד האָבען די פֿון דעם פּאָליציי־אַגענט זובאַטאָוו געגרינדעטע געלע סינדיקאַטען שפּעטער אונטער־שטיצט די אַלגעמיינע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן, אָנשטאָט איהר צו בריעכען. ווי באַלד די פּראָלעטאַריער זיינען ערשט געווען אָרגאַניזירט, האָבען זיי זיך וויי־ניג וואָס געקימערט פֿאַר די אַבזיכטען פֿון דעם רוסישען פּאָליציי־אַגענט און האָבען גענומען אַ טהעטיגען אַנטהייל אין דער סטרייק־בעוועגונג. דאָסזעלבע איז געווען דער פֿאַל מיט דער בעריהמטער און גרויסאַרטיגער אַרבייטער־דעמאָנסטראַציאָן, וועלכע האָט שטאַטגעפֿונען דעם 22־סטען יאַנואַר 1905 אין סט. פּעטערבורג. די דאָזיגע דעמאָנסטראַציאָן איז דירעקט פֿאָרבערייט געוואָרען דורך דער פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון אַן אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז דירעקט געגרינדעט געוואָרען מיט דער הילפֿע פֿון דער רעגירונג, און וועלכע איז געשטאַנען אונטער דעם בעזונדערן שוץ פֿון דער פּאָליציי, אום אָבצושוואַכען די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער און זיי אַראָבצופֿיהרען פֿון'ם ריכטיגען וועג. די בלוטיגע אונטער־דריקונג פֿון דער בעוועגונג דורך די הייבקער פֿון'ם צאַר האָט דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט געגעבען די בעסטע רעוואָלוציאָנערע ערציהונג און זי האָט געמאַכט אין דערזעלבער צייט פֿון דעם פּאַסיווען אַגיטאַטאָר גאַפּאָן אַ סאָציאַליסטישען טעראָריסט *).

דאָס איז אויך די אורזאַכע, פֿאַרוואָס די אַרבייטער, ווי באַלד זיי זיינען ניר פֿעראייניגט אין בעשטימטע אָרגאַניזאַציאָנען, שטעלען זיי באַלד אַרויס געוויסע פֿאָדערונגען,

*) דיזע אָבהאַנדלונג איז געשריבען געוואָרען, איידער מען האָט זיך דערוואוסט, אַז גאַפּאָן איז געווען אַן אַגענט פֿון דער רוסישער רעגירונג. (דער איבערזעצער.)

וועלכע זיינען דער רעזולטאַט פֿון זייערע אַלגעמיינע און נאַטירליכע בעדערפֿענישען. די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג פֿערניכטעט זעהר שנעל אַלע האָפֿנונגען אויף די צוויי־פֿעל־האפֿטע פֿערשפּרעכונגען פֿון די פֿילאַנט־אָפּען, גלחים אָדער פֿון'ם שטאַאַט; זי עפֿענט אויף די אויגען פֿון די אונוויסענדע עלעמענטען און צייגט זיי דעם ברוטאַלען אַנטאַגאָניזם, וועלכער עקזיסטירט צווישען די בעזיצענדע קלאַסען און די אַרבייטער.

אויף דעמזעלבען אופן האָט זיך ביי די פּראָלעטאריע־גאַנץ אַליין ענטוויקעלט די פֿאָדערונג אַריינצונעהמען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין זייערע אייגענע הענד. זיי הויבען ביסלעכוויז אָן צו פֿערשטעהן, אַז די פּראָדוקציאָנס־מיטלען דאַרפֿען נים בעלאַנגען צו איינצעלנע פּריוואַט־פּערזאָנען, נאָר אַלע מוזען האָבען די מעגליכקייט זיך צו קענען בענו־צען מיט זיי. די פּראָלעטאַריער בעגרייפֿען וואָס ווייטער אַלץ מעהר, אַז דאָס פּריוואַט־אייגענטהום איז די אורזאַכע פֿון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אונגלייכהייט און דערפֿאַר ענטוויקעלט זיך ביי זיי גאַנץ פֿון זיך אַליין די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט, וואו די מאַטעריעלע בעדערפֿענישען פֿון אַלעמען וועלען געפֿינען זייער בעפֿרידיגונג.

און אום אויך צו בעפֿרידיגען די מאָראַלישע בעדער־פֿענישען פֿון אַלעמען, האָט זיך ענטוויקעלט דער שטרעבען צו אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט אָהן רעגירונג, אָהן צוואַנג, וואו די אינדיווידוען אָדער גרופּען קענען זיך פֿריי פֿעראייניגען, און וואו די מאָראַלישע בעציהונגען צווישען די מענשען וועלען זיך נים גרינדען אויף בעשטימטע גע־זעצע, נאָר אויף די געגענזייטיגע סאָלידאַריטעט און סימ־פּאַטהיע.

דיזער אידעאַל פֿון דעם אַנאַרכיסטישען קאָמוניזם איז די פֿערווירקליכונג פֿון אַלע מאַטעריעלע און מאָראַלישע פֿאָדערונגען פֿון די אינדיווידוען. די שעהנהייט פֿון דיזען

אידעאַל בעגינסטיגט אין יעדער בעציהונג די ענטוויקלונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע אידעען, זי בעלעבט די קראַפֿט פֿון די אַלגעמיינע פֿאָדערונגען; זי פֿערניכטעט דעם גלויבען, אַז די היינטיגע געזעלשאַפֿטליכע פֿאָרמען זיינען אונפֿער־מיידליך און ניט קענען איבערגעביטען ווערן אויף בעסערע, און זי פֿערהינדערט אין דערזעלבער צייט, אַז די אַרבייטער זאָלען זיך צופֿרידען שטעלען, ווען מען וועט ענטפֿערן אויף זייערע נויטווענדיגע פֿאָדערונגען מיט עטליכע פּוסטע רע־פֿאָרמען אָדער מיט פֿערשפּרעכונגען פֿון אַן אַלגעמיינער סאָציאַלער פֿערבעסערונג.

אָבער אויסער די רעפֿאָרמיסטען, וועלכע בעשרייגקען זייער גאַנצע טהעטיגקייט אויף דעם איסגעפֿינען פֿון קליינע פֿערבעסערונגען, ניט האָבענדיג די קראַפֿט אָנצופֿיהרען אַ קאַמפּף פֿאַר אַ בעסערע סאָציאַלע אָרדנונג, ווי די, וואָס עקזיסטירט אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפֿט, גיט עס אויך געוויסע סאָציאַליסטען, וועמעס טהעאָריען — צי זיי ווילען עס צי ניט — רופֿען אַרויס ביי די אַרבייטער דיזעלבע געדולדיגע רעזיגנאַציאָן. זיי האָבען אפּילו אַ קאָלעקט־וויסטישען אָדער קאָמוניסטישען אידעאַל, אָבער זיי אַליין זיינען מיט דער מיינונג, אַז די פֿערווירקליכונג פֿון זייער אידעאַל איז נאָך אַזוי וויים, אַז זיי קענען דערמיט ניט אַרויסרופֿען קיין שום בעגייסטערונג.

אַנדערע סאָציאַליסטען ווייטער זיינען מיט דער מיינונג, אַז זייער אידעאַל קען נור שטופֿענווייז פֿערווירקליכט ווערן דורך אַ פֿרידליכע און געזעצליכע ענטוויקלונג מיט דער היקף פֿון שטענדיגע רעפֿאָרמען. זייער גאַנצע פּראַקטישע טהעטיגקייט בעשטעהט אין דער וואַהל פֿון סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען, אום איסצובעטלען רעפֿאָרמען אין פּאַרלאַמענט. אויף דעם ערשטען בליק שיינט עס, אַז דיזע רעפֿאָרמיס־טען טריאומפֿירען טאַקע, ווייל די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער אין זייער אַלטעגליכען לעבען זיינען זעהר ענהליך צו די, וועלכע די ערשטע שלאָגען פֿאָר אין פּאַרלאַמענט

פריהער פון אַלעס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד אין דער טאַקטיק פון דער רעוואָלוציאָנערער און רעפאָר־מיסטישער ריכטונג; איך האָב דיזען אונטערשיעד דייטליך ערקלעהרט, ריידענדיג איבער דער דירעקטער אַקציאָן. די רעפאָרמיסטישע פראָפּאַגאַנדאַ פערשפרייט און ענטוויקעלט דעם גלויבען אין דער ווירקזאַמקייט פון רעפאָרמען, אום איבערצובייטען די פאָרמען פון דער געזעלשאַפט. אָבער עס איז אַ זאַך דער אונמעגליכקייט אָבצושאַפען די לוין־שקלאַפעריי אויף אַ געזעצליכען אופן. די פינאַנציעלע מיטלען, וועלכע דער שטאַאַט אָדער די עקספּלואַטאַטאָרס קלייבען צונויף, אום צו אונטערשטיצען די אַרבייטער אויף דער עלטער אָדער ווען עס מאַכט זיך אַן אונגליק, אַט דיזע מאַטעריעלע מיטלען נעהמט מען אַראָב פון די אַרבייטס־פרייזען. עס איז ניט מעהר ווי אַן איינגערעדטע זאַך צו גלויבען, אַז דורך אַ פערהעכערונג פון'ם לוין וועט דער פּ־אָפיט פון'ם קאַפּיטאַליסט ביסלעכווייז אָבגעשאַפט ווערן און פּאָלגליך וועט מען אויף דיזען וועג קענען פּטור ווערן פון'ם קאַפּיטאַליזם אין אַלגעמיין.

אויך דורך די „עקספּראָפּריאַציאָן" אויף דעם שטייגער, ווי די איינפאַכסטע ראַדיקאַלען האָבען שוין לאַנג פאָרגעשלאָגען, נעמליך, אַז דער שטאַאַט זאָל אָבקויפען פון די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטען די אייזענבאַהנען, די מינען א.ז.וו. וואָלט קיין זאַך ניט פערענדערט געוואָרען פון דעם איצטיגען צושטאַנד.

פון דער אַנדערער זייט בעשיצען אפילו די ליבעראַלסטע געזעצע דעם זאָגענאַנטען „סאָציאַלען פריעדען"; ד. ה. זיי זוכען אויפצוהאַלטען די איצטיגע פערהעלטעניסען, אַזוי ווי זיי זיינען.

גלויבען, אַז רעפאָרמען זיינען אימשטאַנד צו פערורזאַכען אַן אומוועלצונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז אַ ביטערע טוישונג און אין דערזעלבער צייט אַן אָבהאַלט פאַר די בעוועגונג און טהעטיגקייט פון די

אַרבייטער, דערפֿאַר וואָס דער דאָזיגער אַבערגלויבען פֿיהרט זיי אַראָב פֿון׳ם רעוואָלוציאָנערען וועג און שוואַכט אָב זייער רעוואָלוציאָנערע בעגייסטערונג.

די דירעקטע אַקציאָן בעקעמפֿט דיזע אַנזיכט, אַז דער קאַפּיטאַליזם קען אָבגעשאַפֿט ווערן אויף דעם וועג פֿון געזעצליכע רעפֿאָרמען. זי צייגט אונז, דאָס אַפילו אַלע בעשריינקטע און טהיילווייזע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער קענען נאָר אויסגעפֿיהרט ווערן דורך דעם טאָג־טעגליכען קאַמפּף געגען דער אויסבייטונג פֿון די מייסטער און פֿאַבריקאַנטען און געגען דער קאַפּיטאַליסטישער און שטאַאַטליכער אונטערדריקונג. דיזער שטענדיגער קאַמפּף האָט די אויפֿגאַבע צו בעשריינקען ווי ווייט מעגליך די קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטונג און די אונטערדריקונגען פֿון דער רעגירונג און אין דערזעלבע־צייט איז ער דאָס בעסטע מיטעל פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער ערציהונג פֿון׳ם פּראָלעטאַריאַט. די דירעקטע אַקציאָן זוכט די קרעפֿטען פֿון די אַרבייטער, וועלכע האַלטען איין וואַקסען אַזוי שטאַרק צו ענטוויקלען, אַז די אַלגעמיינע בעוועגונג וועט זיך דורכברעכען אַ וועג דורך די אייזערנע ראַמקעס פֿון דער געזעצליכקייט, אום אַרויסצורופֿען דעם גענעראַל־סטרייק. אָבער דיזע אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם רעוואָלוציאָנערען גענעראַל־סטרייק האָט קיין שום בעציהונג ניט צו דעם „פּאָליטישען מאַסען סטרייק" פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, דעם רוהיגען, דיסציפּלינירטען און געזעצליכען גענעראַל־סטרייק, וועלכער איז ניט מעהר ווי אַ מיטעל צו אונטערשטיצען די געזעצליכע און פּאָליטישע בעוועגונג. יעדע סאָרט פֿון געזעצליכער אַקציאָן, וועלכע די רעפֿאָרמיסטען פֿיהרען אָן, אַפילו אום צו עראָבערן די פּאָליטישע מאַכט איז געגען דער דירעקטער אַקציאָן, דערפֿאַר וואָס זי פֿערהינדערט די רעוואָלוציאָנערע ערציהונג פֿון׳ם פּראָלעטאַריאַט.

* * *

שלום־בעמערקונגען.

מיר האָבען געזעהן, ווי אַזוי עס ענטשטעהען רעוואָלוציאָנערע אידעען. דער באַזיס פֿון יעדען רעוואָלוציאָנערען געפֿיהל איז פֿריהער פֿון אַלעס מאַטעריעלע און מאָראַלישע ליידען. דאָס איז אויך די אורזאַכע, פֿאַרוואָס די רעוואָלוציאָנערע אַרמעע געפֿינט איהרע מייסטע אָנהיינגער דאָרטען, וואו די מענשען ליידען אַם שטאַרקסטען דורך מאַטעריעלע און מאָראַלישע בעשריינקונגען און זיינען ניט אימשטאַנד צו בעפֿרידיגען זייערע נאַטירליכע אינדיווידועלע בעדערפֿענישען. אמת, איינצעלנע פּערזאָנען פֿון די פּריווילעגירטע קלאַסען האָבען זיך פֿעראייניגט מיט דער מאַסע; אָבער אויך בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי פֿיהלען זיך בעליידיגט און פֿערוואונדעט אין זייערע געפֿיהלען, אין זייער סימפּאַטהיע און אין זייערע פֿאָרשטעלונגען פֿון גערעכטיגקייט. די סימפּאַטהיע פֿאַר די אונטערדריקטע און זייער האַס געגען די איצטיגע געזעלשאַפֿטליכע אומשטענדען האָבען געמאַכט פֿון זיי רעוואָלוציאָנערען.

אָבער מען דאַרף ניט שטעלען צופֿיעל אויף אַזעלכע עלעמענטען. די סימפּאַטהיע פֿון די פּריווילעגירטע ווערט מייסטענטהיילס פֿערהינדערט דורך דעם איינפֿלוס פֿון די בורזשואַזע פֿאָראורטהיילען און די סאָציאַלע בעדינגונגען, אונטער וועלכע זיי זיינען אויפֿגעבראַכט געוואָרען. מען רעדט זיך זעהר אָפֿט איין, אַז עלענד און נויטה זיינען ניט מעהר ווי די פֿאָלגען פֿון פֿוילקייט און לייכטזיניגקייט. מען זעהט אין די סאָציאַלע איבלען אינפֿערמיידליכע ערשיינונגען, און כדי צו בעפֿרידיגען די נאַטירליכע געפֿיהלען, אונטערשטיצט מען די עפֿענטליכע וואָהלטהעטיגקייט און זוכט זיך אויסצוקויפֿען דורך אייניגע נדבות.

איז די פּראָפּאַגאַנדאַ אימשטאַנד אין גאַנצען איבערצוענדערן דיזע אידעען, כדי די געפֿיהלען פֿון סימפּאַטהיע זאָלען זיך קענען ענטוויקלען אין זייער גאַנצער פֿאָלקאָ־

מענהייט? די יעניגע, וועלכע האָבען פערזוכט אָנצופיהרען די פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די אינטעליגענטען, ווייסען, ווי שווער עס קומט זיי אָן דיזער פערזוך. טראָץ דעם ענטוזיאַזם פון דער יוגענד לאָזען זיך דאָך נור ווייניגע פון זיי איבערציינגען און זאָגאַר פון דיזע ווייניגע קעהרען זיך מאַנכע שפּעטער ווידער צוריק צו דער „פּראַקטישער ווירקליכקייט" און צו זייערע פּריוואַט אינטערעסען. די מייסטע פון דיזע יונגע לייט זיינען טאַקע צו שטאַרק בעאיינפלוסט פון זייער פאַמיליע, זייערע געשעפטען, זייער קאַריערע, די פאָרשטעלונגען פון גליק, עהרע א.ז.וו. און די נייע אידעען געפינען זעהר שווער אַ באָדען ביי זיי. דער איינפלוס פון די קלאַסען אינטערעסען פערהינדערט ביי זיי אַ ווירקליכע און טיעפערע סימפּאַטהיע פאַר די ליידען פון די פּראָלעטאַריער.

ס'איז קיין שום צווייפעל ניט, אַז דער אייגענטליכער ענטשטעהונגס-פּונקט פון רעוואָלוציאָנערע געפיהלען און שטרעבונגען איז דער פּערזענליכער שמערץ; די פּערזענליכע ליידען. דער שטאַרקסטער אָבהאַלט פאַר דער ענטוויקלונג פון אַזעלכע שטרעבונגען איז דאָס געפיהל פון רעזיגנאַציאָן, וועלכעס ענטוויקעלט זיך שטענדיג ביי מענשען, וואָס פיהלען זיך שוואַך און ענטמוטהיגט. איך האָב שוין פריהער דערמאָהנט דעם טרויעריגען פאַקט, אַז דער מענש קען בּיסלעכווייז צוגעוואוינט ווערן צו זיין עלענד אָדער ער קען בּעגעהן זעלבסט-מאָרד, ווען דאָס לעבען ווייזט זיך איהם אויס פאַר אונערטרעגליך. אָבער אַזאַ מין רעזיגנאַציאָן, אַזאַ ענטמוטהיגונג ענטוויקעלט זיך מייסטענטהיילס ביי אַזעלכע אינדיווידוען, וועלכע שטעהען גאַנץ אַליין, ביי קליינע בּורזשואַס, וועלכע זיינען פּלוצלינג אַראָבגעשליידערט געוואָרען אין דעם אָבּגרונד פון עלענד א. ז. וו. דער אַליין שטעהן פון אַ מענשען בעגינסטיגט זעהר פיעל דעם צוגעוואוינען זיך צו שלעכטע לעבענס בעדינגונגען, פּונקט ווי די פעראייניגונג בעגינסטיגט די ענטוויקלונג פון ענערגיע און ענטשלאָסענהייט און דער ביישפּיעל פון איינצעלנע

מוטהיגע מענער אין דער פאבריק אדער אין װארקשאפ װעקט אויף יעדען מאמענט די גלייכגילטיגע און װירקט אויף אלעמען. אט דיזע שטענדיגע און גענענזייטיגע ערמו־טהיגונג, װעלכע מיר געפינען ביי מענשען, װאס זיינען פעראייניגט אין בעשטימטע גרופען, איז דער אורשפרונג פון דער פראפאגאנדא גופא. ס'איז די פראפאגאנדא דורך דאס ביישפיעל, דאס װארט, די האנדלונג, װעלכע ענטװי־קעלט ביי די מאסען די רעװאלוציאנערע געפיהלען.

די געמיינשאפטליכקייט פון די ליידען, דער געמיינ־שאפטליכער כאראקטער פון דעם טעגליכען קאמפף בע־גינסטיגט די ענטװיקלונג פון דער סאלידאריטעט. ביי אליין שטעהענדע אינדיװידוען קען דאס בילד פון דער געזעל־שאפטליכער אונגלייכהייט מעהר ניט ארויסרופען װי דעם געפיהל פון פערזענליכער קנאה. דער געמיינשאפטליכער קאמפף פאר דער פערװירקליכונג פון'ם אלגעמיינעם װאהל־שטאנד פערניכטעט ביסלעכװייז די געפיהלען פון אן אונמעכטיגען עגאאיזם און רופט ארויס די פעראכטונג געגען די יעניגע, װעלכע עקספלואטירען די ארבייט פון זייערע מיטמענשען.

די פראקטיצירונג פון דער סאלידאריטעט העלפט מיט ענטװיקלען די מאראלישע ערציהונג פון די אינדיװידוען: דער מוטה, דאס געפיהל פון פערזענליכער װירדע װערען שטארקער און שטאדקער און פערגרעסערן די רעװאלוציא־נערע אידעע.

די רעװאלוציאנערע בעװעגונג ענטװיקעלט גאנץ פון זיך אליין די סאלידאריטעט דורך דעם געמיינשאפטליכען קאמפף, װעלכער פעראייניגט די מענשען איינעם מיט'ן אנדערן. די געפיהלען װערן שטארקער דורך דער געמיינ־שאפטליכקייט פון דער אקציאן.

די טהאט גופא איז, אהן צװייפעל, דאס בעסטע מי־טעל צו ערציהען דאס פראלעטאריאט; זי ענטװיקעלט די געפיהלען און אידעען פון דער מאסע. זי רופט ארויס דעם

מוטה און דאָס געפיהל פון פערזענליכער ווירדע, זי וועקט אויף די ענערגיע פון׳ם מענשען; מיט איין וואָרט: זי פערזיכערט די מאָראַלישע און גייסטיגע ענטוויקלונג פון די אינדיווידוען.

די אַקציאָן בעגינסטיגט אַם בעסטען די טהעטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציאָן. דאָס ציינט זיך אַרויס אַם בעסטען ביי סטרייק-בעוועגונגען: די אינדיווידוען, וועלכע דער קאַמפף האָט פעראייניגט, בלייבען צוזאַמען אין שטענדיגע קאַמפף-אָרגאַניזאַציאָנען און דיזע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען די צענטערס פון דער אַגיטאַציאָן. די פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע האָט זיך צוערשט בלויז מאַניפעסטירט אין דער פאַבריק, ענטוויקעלט זיך שפּעטער גאַנץ אָפען אין דער געווערקשאַפט, אום צו דערגרייכען אַלע אינדיווידוען, וואָס שטעהען אַליין.

די געווערקשאַפט איז די אייגענטליכע שולע פאַר דער אינטעלעקטועלער ערציהונג פון די אַרבייטער. צו דאַנקען דיזער ערציהונג זיינען די אַרבייטער אימשטאַנד אויסצומיידען טאַקטישע פעהלער, וועלכע זיי האָבען פריהער אָפט געמאַכט, דורך איהר פערשפּרייטען זיי אַם שנעלסטען דעם בעוואוסטזיין פון דעם ציעל, וועלכעס מען שטרעבט צו דערגרייכען. און ווידער איז די אַקציאָן, אָנגעפיהרט פון די געווערקשאַפטען, דער הויפּט-פאַקטאָר פון דער דאָזיגער ערציהונג. די סטרייקס, יעדער אויפשטאַנד, אפילו אַ לאָקאַלער ציהען אַ שאַרפען גרענעץ צווישען די אויסבייטער און די אונטערדריקטע און פערהינדערן אַם בעסטען דעם גלויבען אין אַלע פילאַנטראָפּישע, רעליגיעזע און געזעצליכע פערשפּרעכונגען.

די אַקציאָן ציינט אַרויס די עקאָנאָמישע ווירקליכקייטען. די לעהרען פון דער אָפיציעלער און רעליגיעזער מאָראַל שטאַרבען אָב, צוליעב די פּראַקטישע ערפאַהרונגען פון לעבען. איך האָב שוין פריהער דערמאָהנט די ביישפּיעלע פון די קריסטליכע קוילען-גרעבער אין דער רוהר-געגענד,

פֿון די וועבערס פֿון נעווילי, פֿון די אַרבייטער אין סט. פעטערבורג. די דאָזיגע ביישפּיעלע און פֿיעלע אַנדערע צייגען אונז, אַז די אַרבייטער — ווי באַלד זיי פֿעראייניגען זיך ערשט אויף'ן עקאָנאָמישען באָדען — דערקענען זיי זעהר שנעל זייערע אמת'ע אינטערעסען.

די פּראַקטישע טהעטיגקייט און די ערפֿאַהרונג צייגען אַם בעסטען דעם שווינדעל פֿון'ם רעפֿאָרמיזם, די געפֿאַהר און אונניצליכקייט פֿון'ם פּאַרלאַמענטאַריזם.

די שטענדיגע עקאָנאָמישע קעמפּפֿע, די קענטנים פֿון די בעדערפֿענישען, די פּראַקטישע ערפֿאַהרונגען און די ערציהונג דורך דער רעוואָלוציאָנערער טהעטיגקייט רופֿען אַרויס די אינטעלעקטועלע בעפֿרייאונג פֿון'ם פּראָלעטאַריאַט. קיין צווייפֿעל ניט, יעדער בעזונדערער פֿערזוך פֿאַר דער מאָראַלישער ענטוויקלונג און דער אינדיווידועלער בילדונג איז ניצליך. די פּראָלעטאַריער האָבען גייסטיג פּראָפֿיטירט פֿון די אידעען, טהעאָריען, אפילו פֿון די אוטאָפּיעס, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט אין איינצעלנע מוחות דורך דעם געגענווערטיגען צושטאַנד פֿון די סאָציאַלע בעדינגונגען. אָבער זיי האָבען נור אויף אַזוי וויט אָנערקענט דיזע אידעען, דיזע טהעאָריען, דיזע אוטאָפּיעס, ווי וויט זיי זיינען געווען אין אָנקלאַנג מיט זייערע אייגענע בעדערפֿענישען און שטרעבונגען.

די ערציהונג דורך דער אַקציאָן האָט דיזעלבע ווירקונג ווי די ערציהונג אין די פֿאָלקס־אוניווערזיטעטען און שולען, אפילו אין די פֿרייע שולען. איך בין מיט דער מיינונג, אַז עס איז גאָרניט נייטיג, אַז דער פּראָלעטאַריער זאָל ערשט מוזען דורכגעהן דיזע אַלע אינסטיטוציאָנען, אום צו בע־גרייפֿען זיינע מאָראַלישע און מאַטעריעלע בעדערפֿענישען. איך וועל נאַטירליך ניט בעהויפּטען, אַז די מיטלען פֿון דער ערציהונג זיינען אונניצליכע; אַלעס וואָס איך בין אויסען, איז, אַז זיי האָבען נור אַ רעלאַטיווען ווערטה.

די אַקציאָן פֿון די אַרבייטער איז ניט בלויז אַ מאָראַלישעס און אינטעלעקטועלעס מיטעל פֿאַר דער ערציהונג. איהר ציעל איז די פֿאָלשטענדיגע בעפֿרייאונג פֿון׳ם פּראָלעטאַריאַט און פֿון דער גאַנצער מענשהייט. זי ריכטעט זיך געגען דעם עקאָנאָמישען צוואַנג, וועלכער איז דער פֿונדאַמענט פֿון דער אינדיווידועלער און אַלגעמיינער פֿערשקלאַפֿונג. זי שטרעבט צו דער אָבשאַפֿונג פֿון פּריוואַטאייגענטהום און צו דער פֿערניכטונג פֿון׳ם קאַפּיטאַליסטישען רעזשים.

די געווערקשאַפֿטליכע טהעטיגקייט פֿון די אַרבייטער האָט אַלזאָ פֿריהער פֿון אַלעס אַ מאַטעריעלעס, אַ סאָציאַלעס ציעל. זי גיט די אַרבייטער אַ שטאַרקע מאָראַלישע ערציהונג און ענטוויקעלט ביי זיי אַזעלכע געפֿיהלען, וועלכע פֿערקערפּערן אין זיך די אייגענטליכע קראַפֿט פֿון דער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג. קיין צווייפֿעל ניט, דיזע טהעטיגקייט גיט די אַרבייטער אויך אין דערזעלבער צייט אַ געוויסע אינטעלעקטועלע ערציהונג; אָבער עס איז ניט די אויפֿגאַבע פֿון דער פּראָפּאַגאַנדאַ צו געבען די אַרבייטער אַ פֿאָלשטענדיגע וויסענשאַפֿטליכע ערציהונג. זי בעפֿרייט דעם מענשען פֿון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פֿאָראורטהיילען און ענטוויקעלט ביי איהם דעם גייסט פֿון קריטיק. אין דעם בעשטעהט איהר וויכטיגסטע אויפֿגאַבע.

ערשט די מאַטעריעלע בעפֿרייאונג, ד.ה. די פֿערווירקליכונג פֿון׳ם קאָמוניזם קען דער מאַסע געבען די פֿולע מעגליכקייט פֿאַר איהר מאָראַלישע און גייסטיגע ענטוויקלונג, דורך דעם, וואָס זי בעפֿרייט די איינצעלנע אינדיווידוען פֿון דער איצטיגער פֿערשקלאַפֿונג. *)

---

*) דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ איז ניט איינשטימיג מיט דער לעהרע פֿון טאָלסטאָי. דיזע לעהרע האָט נור אין אויג די מאָראַלישע רעגענעראַציאָן פֿון די מענשען און געפֿינט דאָס העכסטע גליק אין דעם פּאַסיווען ווידערשטאַנד, — פֿאָל ראָבען און די פּראָפּאַגאַנדיסטען פֿון דעם נעאָ-מאַלטהוזיאַניזם

די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ ענטוויקעלט אין די מענשען דעם וואונש צו האַנדלען; אָבער זי קען קיינמאָל ניט רעכענען צו בעריהרען און צו ערציהען די אַלגעמיינהייט, די מאַיאָריטעט פֿון דער אַרבייטער־קלאַסע. אונצעהלבאַרע פֿאַקטאָרען, אָפֿטמאָל גאַנץ אונבעדייטענדע בעאיינפֿלוסען די מאַסען און פֿערהינדערן די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע ערציהונג. אמת, דער גרעסטער טהייל פֿון דיזע אורזאַכען פֿערשווינדעט אין דער צייט פֿון קאַמפּף אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די געפֿיהלען און שטימונגען.

שטרעבען אויך צו דער מענשליכער רעגענעראַציאָן, אָבער צו דער פֿאָלשטענדיגער; ד.ה. פֿריהער פֿון אַלעם שטרעבען זיי צו דער פֿיזישער רעגענעראַציאָן און שפּעטער צו דער מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער רעגענעראַציאָן פֿון די אינדיווידועןן. איך, פֿון מיין זייט, גלויב ניט, אַז דיזער שטרעבען קען פֿערווירקליכט ווערן אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. דער נעאָ-מאַלטהוזיאַניזם קען בעגינסטיגען די ענטוויקלונג אין ערציהונג פֿון די קינדער, אָבער ווען די עלטערן זיינען ניט בעוואוסט אין זייערע אַנשויאונגען, ווען זיי זיינען ניט בעריהרט געוואָרען פֿון דער פּראָפּאַגאַנדאַ, וואָס פֿאַר אַ צוועק האָט דאַן די ערציהונג פֿון זייערע קינדער? זיי וועלען זיי אין בעסטען פֿאַל געבען אַ בורזשואַזע ערציהונג. אָבער די בורזשואַזע ערציהונג איז אַ סאָפיסטישע, זי פֿערשטאַרקערט בלויז די עקאָנאָמישע ליגענס און פֿאָראורטהיילען און גיט זיי אַ וויסענשאַפֿטליכען אויסזעהן. די ערציהונג פֿון דעם נעאָ-מאַלטהוזיאַניזם שאַפֿט ניט קיין רעוואָלוציאָנערען. די סעקסועלע בעשריינקונג, ד. ה. דער פֿערזוך צו האָבען וואָס וויניגער קינדער איז אָהן אַ צווייפֿעל אַ נויטווענדיגקייט און אַ גוטער מיטעל אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. אָבער איך דיינק, אַז דיזע סעקסועלע בעשריינקונג קען אויך ענטוויקלען העכסט עגאָאיסטישע געפֿיהלען און שטרעבונגען ביי דעם מענשען, איבערהויפּט, ווען זי פֿערשאַפֿט איהם אַ געוויסען וואָהלשטאַנד אָדער געוויסע פּערזענליכע פֿערבעסערונגען, פונקט ווי מיר זעהען עס אָפֿטמאָל אין דער קאָאָפּעראַטיווער בעוועגונג: די מענשען זעהען זיך צו אַראַנזשירען ווי אַם בעסטען אונטער די איצטיגע סאָציאַלע בעדינגונגען און האָבען מעהר ניט אין אויג ווי זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. און וואָס פֿאַר מאָטיווען זאָלען זיי טאַקע מאַכען זיך אָנצושליסען צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע, אויב זיי זיינען ניט פֿריהער געוואונען געוואָרען דורך דער

דאָס צייגט זיך אַרוים אַם בעסטען אין דער צייט פֿון אַ סטרייק, ווען מיר זעהען ווי אַלע אַרבייטער, וועלכע זיינען פֿעראינטערעסירט אין דער בעוועגונג, פֿעראייניגען זיך אַרום דער געווערקשאַפֿט. דאָרט, וואו עס איז פֿריהער מעהר ניט געווען ווי אַ קליינע גרופּע, זעהט מען פּלוצלינג, אַז די צאָהל פֿון די מענשען, וועלכע ווייסען, וואָס זיי ווילען, האַלט אין איין וואַקסען. אַ געווערקשאַפֿטליכער קערן איז גענוג, אום צו פּראָפּאַגאַנדירען די נויטווענדיגע אידעען און אום צו געבען אַ בעוועגונג אַ בעשטימטע ריכטונג.

די סאָציאַליסטישע צייטונגען האַלטען אין איין בעדויערן די פֿראַנצויזישע אָרגאַניזאַציאָנען אין פֿערגלייך מיט די שטאַרקע געווערקשאַפֿטליכע פֿעראייניגונגען אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. דער גאַנצער אידעאַל פֿון די רעפֿאָרמיסטען אין פּאָליטיקער איז אַ גרויסע אַרמעע פֿון מיטגלידער, וועלכע בעצאָהלען רעגעלמעסיג זייערע בייטרעגע. זיי זעהען די קראַפֿט נור אין דער צאָהל, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אום וועהלער, ד.ה. אום אַ רעכנונג פֿון שטימצעטלאַך. דער ריכטיגער אידעאַל פֿון אַ געווערקשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן איז ניט אַ קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט, וועלכע לאָזט זיך געהאָרכזאַם פֿיהרען פֿון איינינגע פּאַסטוכער, אַ יוניאָן אויף דעם פּאַפּיר, וועלכע איז מאָראַליש אַזוי שוואַך, אַז זי פֿערהינדערט יעדען מוטהיגען פֿערזוך און ענטוויקעלט

פּראָפּאַגאַנדאַ פֿאַר דעם אידעאַל פֿון׳ם קאָמוניזם? דער נעאָ מאַלטהוזיאַניזם ענטוויקעלט ניט די סאָלידאַריטעט און ניט דעם רעוואָלוציאָנערען אינסטינקט פֿון׳ם מענשען. איך בין זיכער ניט קיין געגנער פֿון דער סעקסועלער בעשריינקונג. איך אַנערקען, אַז דער נעאָ-מאַלטהוזיאַניזם איז ניצליך פֿאַר דער בעפֿרייאונג פֿון דער פֿרוי אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, איך גיב אויך צו, אַז ער איז פּראַקטיש פֿאַר דער פֿרוי גופא און פֿאַר די קינדער אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט; אָבער איך קען איהם קיינמאָל ניט אָנערקענען אַלס אַ מיטעל פֿאַר דער מענשליכער בעפֿרייאונג.

דאַדו־ך די נויטיוענדיגקייט פֿון אַן אויטאָריטעטער פֿיהרערשאַפֿט. ניין, אַן אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן איז שטאַרקער דורך דעם מאָראַלישען ווערטה פֿון איהרע מיטגלידער, איידער דורך זייער צאָהל. אָבער אונזערע געזעצליכע סאָציאַליסטען קענען זיך שוין ניט בעפֿרייען פֿון דעם דעמאָקראַטישען פֿאָראורטהייל פֿון דער מאַיאָריטעט. אַן אַקטיווע אָרגאַניזאַציאָן פֿון פּראָפּאַגאַנדיסטען האָט נור דאַן אַ ווערטה, ווען זי איז אימשטאַנד מיטצושלעפּען מיט זיך די מאַסען און זיי צו בעלעהרען דורך די קראַפֿט פֿון זייערע ווערטער און האַנדלונגען, כדי צו ענטוויקלען אַזעלכע פּראָפּאַגאַנדיסטען, וועלכע פֿיהלען אַליין די בעדערפֿענישען פֿון די מאַסען.

מען דאַרף זיך ניט איינריידען, אַז די פֿעראייניגונג פֿון אַלע פּראָלעטאַריער אין דער געווערקשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן איז אונבעדינגט נויטווענדיג און מעגליך. אַזאַ איינרעדעניש איז ניט נור אוטאָפּיסטיש, נאָר עס ברייגנט אויך קיין שום נוצען ניט, איבערהויפּט ניט אין געוועהנליכע און נאָרמאַלע צייטען, ווען עס געהט ניט אָן קיין קאַמפּף. עס האַנדעלט זיך צו בעאיינפֿלוסען אַזוי פֿיעל אַרבייטער ווי נור מעגליך דורך אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ און זיי פֿאָרצובערייטען צום קאַמפּף. די מאַכט פֿון דעם פּערזענליכען ביישפּיעל אין דעם ריכטיגען מאָמענט וועט טהון דאָס איבעריגע. לאָמיר קיינמאָל ניט פֿערגעסען, אַז אַלע בעוועגונגען זיינען שטענדיג געמאַכט געוואָרען דורך אַ בעוואוסטע און ענערגישע מינאָריטעט.

אין דער צייט פֿון אַ קריזיס, ווען צו די אַלטע כראָנישע ליידען קומען נאָך צו נייע, אָט דאַן איז דער מאָמענט פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אַם גינסטיגסטען, ווי איך האָב שוין פֿריהער אָנגעדייטעט, דערפֿאַר ווייל די אַלגעמיינע שטימונג איז אַן אויסערגעוועהנליכע און זעהר פֿרוכטבאַר פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ. דער קריזיס קומט אַרויס פֿון אַן אַלגעמיינעם שטילשטאַנד אין

דעם אינדוסטריעלען און קאָמערציעלען לעבען אָדער דורך אַ קריעג ווי דער, וואָס האָט שטאַטגעפֿונען צווישען רוסלאַנד און יאַפּאַן. די פֿאָלגען דערפֿון זיינען גרויסע מאַטעריעלע ליידען און מאָראַלישע שמערצען. אַזאַ צושטאַנד רופֿט אַרויס דעם האַס פֿון אַלעמען. אָבער אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האָט נור דאַן אַן ערפֿאָלג, ווען די פּראָלעטאַריער זיינען שוין פֿריהער פֿאָרבערייטעט געוואָרען דורך דער פּראָפּאַגאַנדאַ, כדי זיי זאָלען מעהר ניט האָבען קיין שום רעספּעקט פֿאַר דער קאַפּיטאַליסטישער און שטאַאַטליכער אויטאָריטעט און בעגרייפֿען די נויטווענדיגע קאָנזעקווענצען פֿון זייערע אַלע פֿאָדערונגען.

אויף אַזאַ'ן אופֿן ערציהט די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ די איינצעלנע אינדיווידוען; די קעמפֿפֿע ווערען צאָהלרייכער און אין דערזעלבער צייט ערנסטער. די אַרבייטער קעמפֿפֿען מעהר ניט צוליעב ריינע לוין-פֿראַגען, נאָר זיי אַטאַקירען אין דערזעלבער צייט די אויטאָריטעט פֿון'ם קאַפּיטאַליזם גופא, אום צו פֿערטהיידיגען די פֿאָדערונגען פֿון זייער פּערזענליכער ווירדע און סאָלידאַריטעט. די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער ווערן וואָס ווייטער אַלץ ענערגישער, דערפֿאַר וואָס זיי הויבען אָן צו איגנאָרירען די געזעצליכע בעשטימונגען. ווען די אַלגעמיינע שטימונג איז אויף אַזאַ מין אַרט פֿאָרבערייטעט, דאַן קען אַ מאָראַלישער קריזיס, אַן אַלגעמיינער פּראָטעסט געגען געוויסע ברוטאַליטעטען אַרויסרופֿען אַ גענעראַל-סטרייק, אַזוי ווי מיר האָבען עס געזעהן אין 1904 אין איטאַליען. און ווען עס מאַכט זיך אין דערזעלבער צייט אויך אַן עקאָנאָמישער קריזיס, דאַן קען דער ענערגישער ביישפּיעל פֿון אַ קליינער, אָבער בעוואוסטער און מוטהיגער מינאָריטעט אַרויסרופֿען אַ ריזיגע בעוועגונג, וועלכע גרינדעט זיך ניט אויף אַן אויטאָריטערען בעפֿעהל, נאָר אויף די געמיינשאַפֿטליכע געפֿיהלען, שטימונגען, אינטערעסען און בעדערפֿענישען פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט.

(ע נ ד ע.)